STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06877

ERSHTE TRIT

Haim Grant

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. גרענט

ערשטע טריט

אַ לערנבוך פאַר אָנפאַנגער

דריטע אויפלאַגע

היברו פאבלישינג קאמפאני
77-79 דילענסי סטריט, ניו יאָרק

COPYRIGHT, 1934,
BY
HEBREW PUBLISHING CO.

Printed in U.S.A.

פאָרוואָרט

אונדזער בוך „פון אידישן לעבן" (מיט די מיטווירקונג פון ק. וויטמאַן) האָט אַרויסגערופן פיל אויפזען אין לערער קרייזן. אין משך פון אַ יאָר און אַ האַלב זיינען דערשינען דריי אויסגאַבעס. צענדליקער בריוו פון קאָלעגן לערער און פרינציפּאַלס, ווי אויך פון עלטערן, זיינען דערהאַלטען געוואָרן, אין וועלכע זיי האָבן געלויבט דעם מחבר און דערמוטיקט אים אָנצוגיין ווייטער מיט זיין אַרבעט אויפ'ן זעלבן געביט.

דאָס בוך „פון אידישן לעבן" איז אָבער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פאַר דערוואַקסענע קינדער, פאַר עלף-צוועלף יעריקע קינדער. קינדער פון אַזאַ עלטער קאָן מען נישט האָדעווען אויף מעשה'לאַך פון „קעצעלאַך ווייסע און קיעלאַך רויטע"... אַזעלכע קינדער מוז מען געבן אויסצוגן פון ליטעראַטור, און איבערהויפּט אידישע ידיעות. און דאָס האָבן מיר געטאָן אין אונדזער בוך „פון אידישן לעבן".

איז דעריבער טאַקע דער „פון אידישן לעבן" אַביסעלע שווערלאַך — סיי אין שפּראַך און סיי אין אינהאַלט — פאַר יונגע קינדער, און אַ פאָדערונג איז געווען פאַר אַ ליטעראַריש-אידישן לערנבוך פאַר אָנפאַנגער.

אַזאַ ליטעראַריש-אידיש לערנבוך איז אונדזער „ערשטע טריט", און צייכענט זיך אויס מיט די פאָלגענדע מעלות:

א. „ערשטע טריט" איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פאַר יונגע קינדער, פאַר אָנפאַנגער.

ב. אין „ערשטע טריט" זיינען פאַרטראָטן די בעסטע וואָרטקינסטלער פון דער אידישער און העברייאישער ליטעראַטור.

ג. די שפּראַך אין „ערשטע טריט" איז אַ לייכטע און די זאַצן זיינען קורצע.

ד. דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אין „ערשטע טריט" איז ניי און איז אידיש, נישט נאָר אין שפּראַך, נאָר אויך אין אינהאַלט.

ה. אין „ערשטע טריט" האָבן מיר אויסגעמיטן שילדערונגען. דער גאַנצער אינהאַלט באַשטייט פון שיינע מעשה'לאַך, וואָס לייע־נען זיך אַליין, און פון קינדער לידער, וואָס זינגען זיך אַליין. סיי פון די מעשה'לאַך און סיי פון די לידער וועלן די קינדער שטאַרק הנאה האָבן.

ו. אין „ערשטע טריט" זיינען דאָ צענדליקער קאָלירטע און נישט־קאָלירטע בילדער. די בילדער וועלן צוציען דאָס קינד און לייכטער מאַכן פאַר אים צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט.

ז. אין „ערשטע טריט" זיינען דאָ 200 העברייאישע ווערטער, ווערטער פון באַזונדער חשיבות. אָט די ווערטער וועלן באַ־רייכערן דעם תלמיד'ס אידישע שפּראַך און פאַרגרעסערן זיין העברייאישן ווערטער־אוצר.

ח. אויסער די ערשטע 17 אָנפאַנגס־לעקציעס, וואָס נעמען אַריין אַלע אותיות פון אלף־בית, איז „ערשטע טריט" איינגעטיילט אין פיר אָבטיילונגען: הערבסט, ווינטער, פרילינג און זומער, און וועט באַקענען אונדזערע קינדער מיט'ן יאָר בכלל און אידישן יאָר בפרט.

ט. די היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני האָט זיך באַמיט און אַרויס־געגעבן „ערשטע טריט" אַזוי שיין ווי מעגליך, ווייל כדי צו פאַראינטערעסירן דאָס קינד, דאַרף אויך דער „קנקן" זיין שיין און אנציענד.

איך האָף, אַז צוליב אָט די מעלות וועט דאָס בוך „ערשטע טריט" אויפגענומען ווערן פון מיינע קאָלעגן לערער און פּרינציפּאַלס, מיט'ן זעלבן אויפזען, ווי מיין ערשטער פּרואוו — „פון אידישן לעבן".

צום סוף זאָל מיר דערלויבט זיין, אויסצודריקן מיין דאַנק צו מיין הבר'טע און לעבנס־באַגלייטערן מלכה גובאר־גרענט, פאַר אירע פּראַקטישע אָנווייזונגען און שטענדיקער מיטהילף.

חיים גרענט

ערב ראש השנה, תרצ"ה

אָ	ע	אַ

אָ אַ ע

אַ ע אָ

אָ אַ ע

אָ ע אַ

בּ בּ	װ װ	ר ר

בּאָ, בּאַ, בּע.

װאָ, װאַ, װע.

ראָ, ראַ, רע.

װאַרע, װער, רער.

בּאָבּע, בּער, ער.

ד ד	ג ג	ה ה

דאָ, דאַ, דע.

גאָ, גאַ, גע.

האָ, האַ, הע.

דאָ, דאַר, דער.

גאָ, גאָר, וועג.

הָא, האָר, האַר, הער.

בּער, ווער, רער.

וואָג, ראָג, וועבּער.

ן ן	כ כ – ך ך	י י

כאַ–כאַ–כאַ.

בוך, ביכער.

וואָך. דאַך.

גיב, מיר, דיר.

גיב מיר אַ בוך.

גיך, גיכער.

ברודער, ברידער.

ט	ז

זאָ, זאַ, זע, זי, זו.

טאָ, טאַ, טע, טי, טו.

טאַטע, זעט, בעט.

ער בעט אַ בוּך.

זי בעט אַ בוּך.

אַ גוּטער טאַטע.

דער טאַטע האט אַ בוּך.

ער זעט אַ בוּך.

ל ל	מ מ — ם ם

לאָ לאַ לע לי לוֹ

מאָ מאַ מע מי מוֹ

לערער, לידער.

מאַמע, מוֹמע.

ראַם, דעם, אַרוֹם.

ער זעט דעם לערער.

אַ בוֹך מיט לידער.

די מוֹמע לאַכט.

ײַ „	ײֵ „

זײַ זײֵ

טײַער זײדע

לײַ מיר אַ בוך.

דער אַלטער זײדע.

די אַלטע באָבע.

זײַער זײדע. זײער באָבע.

לײב. לײַכטער.

דער לײב. די לײַכטער.

גאָלד, זילבער, טעלער.

נ — ן

נאָ נאַ נע ני נו

נײַ ניי ניין נײַן

זײַן דײַן מײַן

ביין גיין ריין

זײַן טאטע, מײַן מוטער.

זיי גייען אַהיים.

זיי לערנען זיך גוט.

אַ וואָך האָט זיבן טעג.

ױ ױ

בױם מױל
רױם זױם

ער גײט אַרום דעם בױם.
ער האָט אַ מױל. מיר
טרױמען, ער טרױמט.
רױם, רױמער, טרױמער.
די װײַנטרױבן זײַנען גוט.
מיר מאַכן גוטן װײַן.
גיב מיר אַ בלום.
װאַלד, װעלדער.

אי	או	איי
אוי	איי	

איד איר אין איז

אוּן אוּנדז אוּנטער

איין איינער אייער

איי אייער אייערער

רויך אויך אויער

איך לייען לידער אין אַ בוּך.

ס *ס*	ק *ק*

סאָ סאַ סע סי

סוּ סיי סוי

קאָ קאַ קע קי

קוּ קיי קוי

סעמי איז אַ אינגל.

סידי איז אַ מיידל.

סעמי קומט אַהיים.

סיידי קאַמט די האָר.
עס איז זייער קאַלט.
ווינטער איז קאַלט.
סיידי קערט מיט אַ בעזים.
זומער איז זייער וואַרעם.
דער לערער איז אַ גוטער.
אונטער דעם הימל. די זון
גיט ליכט און לעבן.
דער ברודער לעזט אַ בוך.
זילבערנע לייכטער.

—0—

ש ש	פּ פּ

פֿ פֿ — ף ף

שאָ שאַ שע שי

שוּ שיי שײַ שוי

פּאָ פּאַ פּע פּוּ

פּיי פּײַ פּוי

פֿאָ פֿאַ פֿע פֿי

פֿוּ פֿיי פֿײַ פֿוי.

שוּך שוּלע שילער

פּאַפּיר פּאַראַד פּאַר

פּאָטער פּעדער שיף

שלאָף לויף העלף

מיר שלאָפן בּיינאַכט.

מיר אַרבּעטן בּייטאָג.

קינדער שפּילן זיך אין

גאַס. זיי מאַכן פּייערן.

טאַטע, זיי אַזוי גוּט, אוּן קויף

מיר אַ בּוּך. קויף פּאַר דיין

מאַמען אַ בּלוּם.

צ — ץ

צאָ צאַ צע צי

צוי צוּ ציי ציי

זאַלץ האַרץ בּליץ

צאָן, ציינער, צען, צייט.

די מאַמע זאַלצט פלייש.

די מאַמע צינט ליכט.

מיר האָבן ציינער אין מויל.

איך קאָן ציילן בּיז צען.

י ,י

יאָ יאַ יע
יעגער יאָגט

דער לייב איז אין וואַלד.
דער יעגער יאָגט אים.
מיר גייען אין וואַלד קלייבן
יאַגעדעס. מיר וועלן קלייבן
רויטע יאַגעדעס און
שוואַרצע יאַגעדעס.
אידישע קינדער דאַרפן
קאָנען לייענען און שרייבן
אידיש.

וואָו וואונדער וואוהיין?

וואו וואוינען וואויל

וואו געוואונטשן

וואו איז דאָס אידישע לאַנד?

דאָס אידישע לאַנד איז אין מזרח. דאָס לאַנד הייסט ארץ ישראל. דריי פעלכער וואוינען אין ארץ ישראל.

אידן, אַראַבּער און ענגלענדער.

וואוילע קינדער העלפן
בּויען דאָס אידישע לאַנד,
און ווילן אַז ארץ ישראל
זאָל צוריק ווערן אַ אידישע
היים.

***

זש	טש

זשאַבע מענטש
זשאַלעווען בייטש
די דייטשן מיט די
לאַנגע בייטשן.
די פֿייגעלאַך פּישטשען.
מיר זיינען פֿאַסאַזשירן. מיר
פֿאָרן אין אונדזער לאַנד.
די מאַמע ביינטשט ליכט.

ח ש ת

אין העברייאישע ווערטער
האָט אַ-

ח-דעם זעלבן קלאַנג ווי אַ-
כ-אין אידיש:

חָ, חַ, חֶ, חִי, חוּ, חוֹ, חֵ.

אַ-שׂ-און-ת-האָבן דעם
זעלבן קלאַנג ווי אַ-ס:

שָׂ, שַׂ, שֶׂ, שִׂי, שׂוּ, שׂוֹ, שֵׂ.

תָ, תַ, תֶ, תִי, תוּ, תוֹ, תֵ.

און אַ־תּ־האָט דעם זעלבן קלאַנג ווי אַ־ט:

תָּ, תַּ, תֶּ, תִּי, תּוֹ, תּוּ, תֵּ.

—0—

אַ פּאָר ביישפּילן:

ח־חַלָּה, חָבֵר, חֶדֶר.

שׂ־שֵׂכֶל, שִׂמְחָה, שִׂנְאָה.

ת־שַׁבָּת, שָׁבוּעוֹת, סוּכּוֹת.

תּ־תּוֹרָה, תַּלְמִיד, תָּמִיד.

זינג איך מיר דעם אלף־בית

א איז אַ אָקס,

וואָס איז שטאַרק און גרויס;

בּ איז אַ בּעזים,

וואָס קערט די הויז.

ג איז אַ גאַניק,

מיט בּרייטע טרעפּ;

ד איז אַ דעקל,

וואָס דעקט צו טעפּ.

ה איז אַ הויז,

געמויערט פון ציגל;

וו איז אַ וואַסער,

אין אַ גלעזערן קריגל.

ז איז אַ זינגער,

וואָס עס גלוסט זיך הערן;

ח איז אַ חכם,

מיט אַ הויכן שטערן.

ט איז אַ טויער,

וואָס מען קאָן ניט צוברעכן;

י איז אַ יאָזשיק

מיט האָר וואָס שטעכן.

כ איז אַ כוואַליע,

וואָס טראָגט זיך געשווינט;

ל איז אַ ליכט,

פאַרלאָשן פון ווינט.

מ איז אַ מאַלפּע,

וואָס מאַכט האַוואַיעס;

נ איז אַ נעץ,

צו כאַפּן חיות.

ס איז אַ סטוינ,

מיט פרישע היי;

ע איז אַ ענטל,

וואָס לייגט אונדז אַן איי.

פּ איז אַ פּאַרטוך.

וואָס איז ציכטיק און ווייס;

צ איז אַ ציימונג,

פול מיט נייס.

ק איז אַ קאָרב,
אויף זאַכן צו טראָגן;

ר איז אַ ראָד,
פאַר אונדזער וואָגן.

ש איז אַ שלאַנג,
גיפטיק און בייסיק;

ת איז אַ תלמיד,
וואָס לערנט זיך פלייסיק.

* * *

נומערן...

א-איינס, ב-צוויי:

גוטע קינדער —
זיינען זיי...

ג-דריי, ד-פיר:

פֿאַר זיי לידער
שרייבן מיר...

ה-פינף, ו-זעכס
ז-זיבן:

וועלן קינדער
שטאַרק אונדז ליבן...

ח-אַכט, ט-ניין:

וועט די זון
טאָן אַ שיין...

צען ווייסט איר,

איז דער קליינער „יידל“.

און פֿאַרענדיקט —
איז מיין לידל...

אַ מאַמע

א מאמע

אין די גאַסן פון אַ טומלדיקער שטאָט גייט אַ קליין מיידעלע און וויינט.

זי לויפט דאָ און דאָרט, זוכט איר מאַמען און געפינט זי ניט.

פרעגט מען איר: טייערע מיידעלע, ווער איז דיין מאַמע און ווי אַזוי קאָנען מיר זי דערקענען?

ענטפערט דאָס מיידעלע מיט טרערן: ווייסט איר דען ניט? מיין מאַמע איז דאָך די בעסטע פון אַלע מאַמעס.

די מאַמע

אַליע, ליוליע! אַליע, ליוליע!
שלאָף, מיין טייערער, אין רו;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו...

אַלצדינג קאָן מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מער ניט איינע אויף דער וועלט.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער!
מאַך די אויגן צו און רו.
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען —
אַליע, ליוליע, אַליעלו!



רחל'ע די נייטאָרין

רחל'ע די נייטאָרין

רחל'ע איז אַ קליין מיידעלע.

רחל'ע גייט אין שולע.

רחל'ע לערנט זיך גוט.

ווען רחל'ע קומט פון שולע, שפּילט זי זיך.

רחל'ע האָט אַ גרויסע ליאַלקע און צוויי קליינע ליאַלקעס.

רחל'ע נייט קליידער פאַר אירע ליאַלקעס.

זי נעמט אַ נאָדל מיט פאָדים און אַ שטיקל זייד, און נייט זיידענע קליידלאַך פאַר אירע ליאַלקעס.

שוועבעלאַך

די מאַמע האָט געזאָגט צו בעניז:

— בעני, גיי אין קראָם און קויף מיר שוועבעלאַך. זע אָבער, אויב זיי צינדן זיך אָן. איז בעני געגאַנגען און געבראַכט.

די מאַמע האָט געוואָלט אָנצינדן אַ שוועבעלע, אָבער עס צינדט זיך ניט; אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פערטן — זיי צינדן זיך ניט.

איז די מאַמע אין כעס געוואָרן און געזאָגט:

— נאַרישער בעני, האָב איך דיך ניט אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט זען אויב זיי צינדן זיך?

— איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן. איך האָב טאַקע געזען — זיי האָבן זיך אַלע אָנגעצונדן...

רחל׳ע גייט אין שולע

„איך גיי אין שולע״, האָט רחל׳ע געזאָגט.
אויפ׳ן וועג האָט רחל׳ע באַגעגנט אַ קו.
„גוט מאָרגן, קו״, האָט רחל׳ע געזאָגט.
„מו! מו!״ האָט געענטפערט די קו.
„איך גיי אין שולע״, האָט רחל׳ע געזאָגט.



רחל'ע גייט אין שולע

„מו! מו!", האָט געענטפערט די קו.
איז רחל'ע געגאַנגען און באַגעגנט אַ האָן.
„גוט מאָרגן, האָן", האָט רחל'ע געזאָגט.
„קוקו־ריקו!" האָט געקרייט דער האָן.
„איך גיי אין שולע", האָט רחל'ע געזאָגט.
„קוקו־ריקו!" האָט געקרייט דער האָן.
איז רחל'ע אַוועק און באַגעגנט אַ פייגעלע.
„גוט מאָרגן, פייגעלע", האָט רחל'ע געזאָגט.
„ציף־ציף־ציף!" האָט געענטפערט די פייגעלע.
„איך גיי אין שולע", האָט רחל'ע געזאָגט.
ווען די פייגעלע האָט געהערט אַז רחל'ע גייט אין שולע, האָט זי זיך פריילאַך צעטאַנצט און צעזונגען:
„ציף־ציף, ציף־ציף!"
און רחל'ע איז אַוועק אין שולע.

ווילי דער ווילדער

ווער איז דער ווילדסטער אין שולע?

אַלע ווייסן — דאָס איז ווילי. ער און ניט קיין אַנדערער.

ווער האָט צוריסן בערל׳ס העפט?

ווילי.

ווער האָט אויסגעגאָסן טינט אויפ׳ן בוך?

ווילי.

און ווילי טוט אָט די אַלע שטיק און שרייט שטענדיק:

— ניט איך! ניט איך!

איינמאָל איז אַ געלערנטער מאַן געקומען אין שולע עקזאַמינירן די קינדער. האָט דער מאַן געפרעגט ווילין:

— ווער האָט באַשאַפן הימל און ערד?

— ניט איך! ניט איך! האָט ווילי געענטפערט.

— וואָס? האָט דער געלערנטער מאַן פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך וועל עס שוין מער ניט טאָן, מיין הער! האָט ווילי אויסגערופן.

———o———

שייקעלע-פייקעלע

שייקעלע-פייקעלע
שמ׳ט אין דער גאַס:
אַ אינגל — אַ מזיק,
אַ פייער — אַ שפּאַס!

שייקעלע — פּייקעלע

אַלץ קאָן ער — אַלץ ווייס ער,
ס'איז גאָר נישט אים שווער;
דערלאַנג אים נאָר ברעטלאַך
מיט טשוועקעס אַהער:

באַלד מאַכט ער אַ שיפל
און לאָזט זיך העט־העט,
דורך טייכן, דורך ים'ען,
דורך לענדער און שטעט.

און זאָל ער נאָר פעדערן
האָבן אַ סך —
באַלד מאַכט ער זיך פליגלען
און פליט ביז'ן דאַך.

הערבסט הימלען

הערבסט

(1)

ס'איז דער הערבסט געקומען,
ס'וועלקן בוים און בלום.
טויטע, געלע בלעטער
וואַלגערן זיך אום.

ס'קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
פייפט אַ לידל צו,
און די אָר'מע בלעטער
האָבן נישט קיין רו:

הויבן זיך און טאַנצן
טויטערהייט, אָן מאכט,
און דער ווינט, דער בייזער,
פייפט און שפּילט און לאַכט.

—o—


רחל׳ע אין גאָרטן

—0—

דו שלאָגסט זיך גאָר!

(2)

רחל׳ע איז אַראָפּ אין גאָרטן געזעגענען זיך מיט אירע בלומען. די בלומען זיינען שוין געווען פאַרוועלקט.

זי האָט געוואָלט זיך געזעגענען מיט די פייגעלאַך, זיינען זיי שוין אַוועקגעפלויגן.

רחל׳ע האָט אומעטיק און שטיל געשעפּטשעט:

„דער הערבסט! דער הערבסט!“

פּלוצלונג האָט איר ווער אין אַקסל אַ קלאַפּ געגעבן. רחל׳ע האָט זיך אומגעקוקט — אַן עפּל!

אַן עפּל איז פון בוים געפאַלן. זי האָט אים אויפגעהויבן און מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן:

„דו שלאָגסט זיך גאָר, עפּעלע? וועל איך דיך דערפאַר אויפעסן“... און רחל'ע האָט מיט אירע ווייסע ציינדלאַך דאָס עפּעלע איינגעביסן.



אונדזער סוכה

(3)

אין גאַנצן גאַס איז נישטאָ אַזאַ שיינע סוכה ווי אונדזער סוכה. אַלע אינגלאַך קומען איר זען, און אַלע זיינען מיר מקנא. נישטאָ נאָך אַזעלכע באַמאָלטע טעפּיכער, ווי די טעפּיכער אין אונדזער סוכה. נישטאָ נאָך אַזאַ שמעקעדיקער סכך, ווי דער סכך פון אונדזער סוכה. איר דאַרפט וויסן, אַז מיין טאַטע האָט געאַרבעט אַרום דער סוכה פון פרימאָרגן ביז'ן אָוונט. אַפילו צוויי פענצטער האָט דער טאַטע אויסגעשניטן. בלויז, אַנשטאָט אַ טיר צום אַריינגאַנג אין סוכה, האָט די מאַמע אויפ-

געהאַנגען אַ לאַנגן פאָרהאַנג. נו, איז עס אפשר ניט קיין שיינע טיר?

איך הויב אויף דעם פאָרהאַנג און גיי אַריין אין סוכה. אין סוכה איז קיינער נישטאָ. אויפ׳ן טיש איז פאַרשפרייט אַ ווייסער טישטוך. אין די זילבערנע לייכטערס ברענען ליכט, יום־טוב ליכט. ווי גוט איז דאָ! וואָס פאַר אַ פיינער יום־טוב דאָס איז, דער יום־טוב סוכות, דער זמן שמחתנו!

אין סוכה

(4)

אַ סוכה אַ קליינע
פון ברעטער געמיינע
האָב איך קוים מיט צרות געמאַכט!
געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך
און זיץ אין איר סוכות ביינאַכט.

פון ווינט דעם קאַלטן,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטן,
מיין ליכטעלע לעשן זיך וויל;
דאָך מאַך איך מיר קידוש,
און זעט נאָר אַ חידוש:
דאָס ליכטל ברענט רואיק און שטיל.



אתרוג ולולב

אתרוגים

(5)

אין אַ שטאָט האָט געוואוינט אַ מאַן, אַ נדבן. ער האָט שטענדיק געגעבן פיל צדקה. איינמאָל האָט אים זיין ווייב געגעבן צען גילדן ער זאָל גיין קויפן קליידער פאַר די קינדער. ווען ער איז אין מאַרק אַרוים, זיינען אים אַנטקעגן געקומען אַ פּאָר צדקה־קלייבער און געזאָגט:

— טו אַ מצוה און גיב אַ נדבה, מיר דאַרפן קויפן אַ קלייד פאַר אַ יתומה.

דער נדבן האָט זיי זיין גאַנץ געלט אַוועקגעגעבן און איז אין בית־מדרש אַוועק, ווייל ער האָט זיך געשעמט צו קומען מיט ליידיקן אַהיים.

ב

אין בית־מדרש האָט ער געפונען אַ סך אתרוגים, וואָס די קינדער האָבן, הושענא רבה, אַוועקגעוואָרפן. האָט ער אָנגעפּאַקט אַ זאַק מיט אתרוגים, אויף אַ שיף זיך אויפגעזעצט און איז אָפּגעפאָרן. האָט די שיף אים גע־בראַכט אין אַ ווייטער מדינה. אין אָט דער מדינה איז דער קייסער קראַנק געווען. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז די איינציקע רפואה פאַר׳ן קעניג איז — אתרוגים. אַז דער קעניג וועט עסן אַ סך אתרוגים וועט ער געזונט ווערן, האָבן די דאָקטוירים געזאָגט.

ג

האָט מען אָנגעפאַנגען זוכן אתרוגים. מען האָט געזוכט אין אַלע קראָמען, ביי אַלע סוחרים, אויף אַלע שיפן און ניט געפונען.

פּלוצלונג האָבן דעם קייסער׳ס דינער דערזען אַ מאַן זיצן אין גאַס אויף אַ זעקל. זיינען זיי צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס האָסטו דאָרטן? און דער מאַן האָט זיי גע־ענטפערט:

— איך בין זייער אָרים און האָב גאָרנישט.

דעם קייסער׳ס דינער האָבן אָבער אין זעקל אַ קוק געטאָן און געפונען דאָרטן אתרוגים. האָבן זיי דעם זעקל אתרוגים געבראַכט צום קעניג. דער קעניג האָט די אתרוגים געגעסן און איז געזונט געוואָרן. האָט דער קייסער געהייסן דעם ליידיקן זעקל מיט גאָלד אָנפילן און עס דעם אָרימאַן געבן.

און דער אָרימאַן איז אַן עושר געוואָרן.

הערבסט

(6)

דער ליבער זומער
איז אַוועק,
רעגנס קאַפּען
גאַנצע טעג.

נאַסע ווינטלאַך
בלאָזן קאַלט,
טרייבן פייגל
פון דעם וואַלד.

פייגעלאַך, פייגעלאַך,
פליט מיט גליק,
געזונטערהייט, נאָר
קומט צוריק.



הערבסט ווינט

פייגעלאַך

(7)

אַ גרוס

וואוהין, מיינע פייגעלאַך? וואוהין פליט איר? — האָט דער אינגל געפרעגט די פייגעלאַך.

— אין די וואַרעמע לענדער, אינגל! דאָ וועלקט אַלץ. באַלד וועלן דאָ קומען קאַלטע טעג, טעג פון הונגער און טעג פון שניי. און דאָרטן, דאָרטן איז ליבלאַך, דאָרטן שיינט די זון, די הימלען זיינען קלאָר, וועלדער רוישן.

זייט געזונט, מיינע פייגעלאַך! באַזוכט אונדזער מוטער רחל׳ס קבר אין בית לחם, איר זאָלט אויך אין חברון און ירושלים זיין, און צו אַ אידישער קאָלאָניע זאָלט איר פליען, און ווען איר וועט זען די קינדער אין שול גיין — זאָלט איר זיי אין מיין נאָמען גריסן.

זייער גוט, אינגל! מיר וועלן אומעטום זיין, מיר וועלן אַלע אינגלאַך אויפזוכן און קומענדיקן יאָר וועלן מיר דיר פון זיי גרוסן בריינגען.

(8)

רחל׳ע וויל א שעפערין זיין

רחל׳ע איז אַ קליין מיידעלע.
זי איז זיבן יאָר אַלט.
זי קאָן ריידן דריי שפּראַכן:
אידיש, העברייאיש און ענגליש.
רחל׳ע האָט זייער שטאַרק ליב דאָס אידישע לאַנד, ארץ ישראל.
זי וויל פאָרן דאָרטן.
אַלע מאָל פרעגט זי:
— ווען וועלן מיר פאָרן אין אונדזער לאַנד, ארץ ישראל?
פרעג איך איר:
רחל׳ע, וואָס וועסטו טאָן אין ארץ ישראל?
ענטפערט זי:
איך וועל זיין אַ שעפערין. איך וועל פיטערן די שאָף, ווי רחל, די אידישע מאַמע.



רחל׳ע פיטערט די שאָף

(9)

יעקב'ס חלום

י) און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע, און איז
יא) געגאַנגען קיין חרן. און ער האָט געטראָפן אַן אָרט,
און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן, וואָרום די זון איז
אונטערגעגאַנגען; און ער האָט גענומען פון די
שטיינער פון דעם אָרט, און געמאַכט פאַר זיין צו־
קאָפּנס, און ער האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט.
יב) האָט זיך אים גע'חלומ'ט; ערשט אַ לייטער שטייט
אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביז'ן הימל, און
זע, מלאכים פון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ
יג) אויף אים. און אָט שטייט גאָט איבער אים, און ער
זאָגט: איך בין גאָט, דער גאָט פון דיין פאָטער
אברהמ'ען, און דער גאָט פון יצחק'ן. דאָס לאַנד וואָס
דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן, און צו
דיינע זאמען.

———o———

(10)

יעקב'ס חלום

איינגעשטערנט איז דער הימל
און די נאַכט — אַ פּראַכט!
אויף אַ שטיינערנעם געלעגער —
שלאָפט אַ מאַן און לאַכט...

און ער זעט אין זיין חלום —
אויף דער ערד אַ לייטער שטיין:
אויפ'ן לייטער — מלאכים מחנות
און גאָר אויבן — גאָט אַליין...

און עס זאָגט אים גאָט אין חלום
הער נאָר יעקב, הער זיך איין:
אָט דאָס לאַנד פון מילך און האָניק
וועט אינגאַנצן דיינע זיין...

דיינע קינדער — ווי זאַמד און שטערן —
מונטער יעקב, פריי זיך, פריי;
און פון דער וועלט אַלע פעלקער —
בענטשן וועלן זיך מיט זיי...

אויסגעשטערנט איז דער הימל
און די נאַכט — אַ פּראַכט!
אויף אַ שטיינערנעם געלעגער —
שלאָפט אַ מאַן און לאַכט...

---

(11)

ווען איז חנוכה?

דוד איז אַ קלוגער אינגל.

ער לערנט זיך גוט און קאָן ענטפערן אויף אַלע, וואָס דער לערער פרעגט.

איינמאָל פרעגט דער לערער:

— זאָגט נאָר, קינדער, ווען עסט מען לאַטקעס?

קיינער ווייס נישט.

בלויז דוד שטעלט זיך אויף און זאָגט:

— איך ווייס, לערער, חנוכה עסט מען לאַטקעס.

און ווען איז חנוכה? פרעגט דער לערער.

דוד ענטפערט:

— חנוכה איז דעם פינף און צוואַנציקסטן טאָג אין דריטן חודש.



חנוכה ליכטעלאַך

(12)

דאָס דריידל

איך האָב אַ קליינע דריידל
געמאַכט איז עס פון קליי:
און ווילט איר, קינדער, שפּילן —
טאָ קומט און גיט אַ דריי.

אָ, דריידל, דריידל, דריידל
געמאַכט איז עס פון קליי,
אָ, דריידל, דריידל, דריידל —
טאָ קומט און טוט אַ דריי.

עס טאַנצט מיין דריידל פריילאַך
עס דרייט זיך ווי אַ מיל;
און פּלוצלונג ווערט עס פרום גאָר —
שמונה עשרה שטייט עס שטיל.

אָ, דריידל, דריידל, דריידל
עס דרייט זיך ווי אַ מיל.
אָ, דריידל, דריידל, דריידל —
שמונה עשרה שטייט עס שטיל.

עס שטיפט אַזוי מיין דריידל,
עס פאַלט אַנידער אויפ'ן „שין״;
דאַן ווייסט זשע קינדער אַלע,
אַז איך די שפּיל געווין.

אָ, דריידל, דריידל, דריידל
עס פאַלט אַנידער אויפ'ן „שין״;
אָ, דריידל, דריידל, דריידל —
און איך די שפּיל געווין.

——0——

(13)

חנוכה־געלט

אליאב האָט געהאַט זעקס קינדער, און דער קלענצ־טער פון אַלע איז געווען — נחמן. האָט זיי דער טאַטע געגעבן אַ דאָלער אין זילבער און געזאָגט צום קליינעם:

— הער נאָר, נחמן, צוטייל דו דעם דאָלער חנוכה־געלד! געדיינק אָבער, צוטייל מיט יושר און זיי גערעכט צו אַלעמען! דו ביסט דאָך עפּעס אַ גוטער בעל־חשבון!

האָט דער קליינער גענומען די זילבער און געזאָגט: „וויפיל סענטן האָט אַ דאָלער? הונדערט! איך וועל צוטיילן גלייך אויף גלייך: פּופציק — מיר, און פּופציק מיינע ברידער״. האָט ער געגעבן יעדער איינעם צען סענט און דאָס איבעריקע האָט ער אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע.

דער פאָטער און די מוטער האָבן געלאַכט, די ברידער האָבן אויך מיטגעלאַכט; נחמן אָבער, האָט זיך גע'ברוגז'ט און געזאָגט:

— וואָס זשע לאַכט איר? איך האָב דאָך צוטיילט גלייך אויף גלייך! און אַז איך בין אַ קליינער, איז וואָס? קומט מיר שוין גאָר קיין חלק ניט?...

—0—



(14)

דאָס דריידל

איך דריי דאָס דריידל
רונד אַרום,
פאַלט דאָס דריידל
אויף דעם „נ“ —
נס, נס, נס!

דריי איך ווייטער
פול מיט טומל,
פאַלט דאָס דריידל
אויף דעם „ג“ —
גדול, גדול, גדול!

דריי איך אַלץ
דריי און דריי,
פאַלט דאָס דריידל
אויף דעם „ה“ —
היה, היה, היה!

דריי איך ווידער
הער און הין,
פאַלט דאָס דריידל
אויף דעם „שין“ —
שם, שם, שם!

נס
גדול
היה
שם!!

---

(15)

א חנוכה ליכטעלע און דאָס לידעלע

עס איז געווען די ערשטע נאַכט פון חנוכה, און אין דעם חנוכה לעמפּל האָט געברענט דאָס ערשטע ליכטל.

איינע אַליין, פֿיין און שיין, האָט געברענט דאָס ליכטל. אָבער אומעטיק איז דעם ליכטל ניט געווען, ווייל די קינדער זיינען געשטאַנען אַרום און אַרום. זיי האָבן זיך געפרייט און געהוליעט, געטאַנצט און זיך געקוליעט, געשפּרונגען און געזונגען:

ליכטעלע, ליכטעלע, היינט ברענסטו אַליין,
מאָרגן וועט קומען אַ צווייטע צוגיין,
איבערמאָרגן וועט שוין אַ דריטע קומען

און עס וועט זיין אַ גאַנצער מזומן.
און אַז עס וועט זיין די פערטע נאַכט,
וועלן פיר ליכטלאַך ברענען מיט פּראַכט.
און אַז די פינפטע נאַכט וועט זיין,
וועלן פינף ליכטלאַך ברענען פיין.
און זעקס וועלן ברענען אין דער זעקסטער נאַכט,
און זיבן אין דער זיבעטער, און אין דער אַכטער —
אַכט.
דאָס לעצטע ליכטל איז דאָך אַכט,
און מיר וועלן זאָגן: „אַ גוטע נאַכט!“
„אַ גוטע נאַכט!“ ביז איבעראַיאָר!
אמן ואמן — דאָס איז וואָר!
דאָס חנוכה ליכטל איז זייער געפעלן געוואָרן דאָס
לידל
און עס האָט געבעטן נאָך;
— נאָך און נאָך פאַר אַ גאַנצער וואָך!

דער פעטער שנייער

ווינטער

(16)

אויף די פעלדער

אויף די פעלדער איז עמיץ
אַ ווייסער געפלויגן,
ער האָט אַלע טייכלאַך
מיט זילבער באַצויגן.

ער האָט אויף די לאָנקעס
זיין מאַנטל פאַרלאָרן.
גאָט'ס וועלט איז פון דאַמאָלט
אַ ווייסע געוואָרן.

——0——

(17)

שמערל נאַר און דער שניי מענטש

ס'איז געווען אַ ווינטער טאָג. אַ סך שניי איז געפאַלן אין גאַס. שמערל נאַר איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך געשפילט: געגליטשט זיך אויפ'ן אייז, געמאַכט שניי באַלן, און צום סוף האָט ער געמאַכט אַ שניי־מענטש.

— ס'איז זייער קאַלט — האָט שמערל נאַר געזאָגט, — איך וועל גיין אַהיים זיך אָנוואַרימען ביים אויוון.

שמערל נאַר איז אַוועק אַהיים און דעם שניי־מענטש האָט ער אויך מיטגענומען.

שמערל נאַר האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרימען ביים אויוון און דעם שניי מענטש האָט ער אַוועקגעלייגט אויף אַ ביינקל לעבן אויוון.

— וואָס האָסטו די גאַנצע שניי אין הויז אַריינגע־בראַכט? האָט זיין מאַמע אויף אים אָנגעשריגן.

דאָס איז דער שניי־מענטש, מאַמע, אינדרויסן איז זייער קאַלט: ער וויל זיך אָנוואַרימען...

——0——

(18)

דער פראָסט

אָנגעפּעלצט אין ווייסן
גייט דער פראָסט אין גאַס.
טרעפט ער אָן אַ אינגל, —
מאַכט ער מיט אים שפּאַס.

כאַפּט אים פאַר אַן אויער,
שטעכט ער דורכ׳ן הויט.
גלעט אים אויפ׳ן בעקל —
פלאַמט דאָס בעקל רויט.

——0——

(19)

למך גייט זיך גליטשן

למך האָט גענומען די שפּאָגל נייע גליטשערס, וואָס די מאַמע האָט אים געקויפט, און ער איז אַוועק גליטשן זיך. גייט ער און טראַכט, וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער זאָל ניט פאַלן, ווען ער וועט זיך נעמען גליטשן. טראַכט ער און טראַכט און ער קאָן גאָרנישט אָפּטראַכטן.

גייט ער פאַרביי אַ הויז, זעט ער: עס שטייט אַ מאַן און שיט פון אַ קערבל אַש אויפ'ן גליטשיקן טראָטואַר.

רופט זיך אָן למך צום מאַן:

— וואָס טוט איר דאָס? איר ריכט דאָך איין דעם טראָטואַר און דער בעל־הבית וועט אויף אייך שרייען.

גיט דער מאַן אַ שמייכעל און זאָגט צו למך'ן, בינסט אַ נאַר, אינגל! ערשטענס, וועט אויף מיר דער בעל־הבית ניט שרייען, ווייל איך בין גראָד, אַליין דער בעל־הבית און צווייטנס, ריכט איך גאָר ניט איין דעם טראָטואַר. דו זעסט דאָך, אַז דער טראָטואַר איז גליטשיק, קאָנען דאָך מענטשן גיין און פאַלן, שיט איך אָן אַש, כדי מען זאָל ניט קאָנען פאַלן.

זאָגט למך:

— אוי, דאָס איז דאָך אַ גוטע זאַך, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט דערפון. איך גיי זיך איצט גראָד גליטשן און איך טראַכט, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך זאָל נישט פאַלן אויפ'ן גליטש, וועל איך ביי אייך טאַקע

נעמען איצטער אַ ביסל אַש און אָנשיטן אויפ'ן גליטש, וועל איך ניט פֿאַלן.

גיט דער מאַן אַ שמייכל און ער זאָגט צו למד'ן:

— איך זע, אינגל, אַז דו בינסט אַ גרויסער חכם. ווי רופט מען דיך אַקאָרשט?

ענטפֿערט למך: — למך.

דער מאַן גיט ווידער אַ שמייכל און ער זאָגט:

— אַ פיינער נאָמען למך. טראָגט אים געזונטערהייט. ער קליידט דיך זייער!

(20)

אויפ'ן גליטש

הינט זיך!... היט זיך!
הייייאָ!... האָפּ!
לאָז איך זיך
פון באַרג אַראָפּ!...

אין מיין שליטל,
ווי אַ ווינט,
גליטש איך זיך
פון באַרג געשווינט,

ווי אַ פערדל
אויף געיעג...
היט זיך!... היט זיך!...
מאַכט אַ וועג!

היט זיך!... היט זיך!
היי־יאָ!... האָפּ!
לאָז איך זיך
פון באַרג אַראָפּ!...

(21)

חמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט. ס'איז אינמיטן ווינטער.
אין פיל לענדער איז זייער קאַלט.
די טייכן זיינען באַדעקט מיט אייז.
די ביימער און פלאַנצן זיינען באַדעקט מיט פראָסט.
אין ארץ ישראל אָבער, בליען דאָן די ביימער.
זיי פאַרשפּרייטן גוטע ריחות און זאָגן צו די קינדער:
באַלד וועלן שוין נייע פּרוכטן זיין.
אָט דער טאָג הייסט — „ראש השנה לאילנות“.
אידישע קינדער אין אַלע לענדער ווייסן וועגן אָט
דעם יום־טוב.
זיי עסן ארץ ישראל פּרות, מאַכן אַ ברכה,
און בעטן גאָט ער זאָל די ביימער געבן אַ גוט יאָר.

אידישע קינדער פלאַנצן ביימער אין ארץ ישראל

(22)

חמשה עשר בשבט

ס׳רוישט דער וואַלד אום ראש השנה,
מורמלט תפילות מיט כונה.
בוימער איינגעהילט אין שניי —
אין טליתים — שטייען זיי.

ניט קיין וואַלד גאָר, זע — אַ שול
און מיט קדושה איז זי פול.
און דער אַלטער בוים פון קהלה
איז דער חזן, דער בעל־תפלה

און דער ווינט — הער זיך צו:
בלאָזט דעם שופר — טרו־טרו־טרו!
און די בוימער בעטן גאָט
ער זאָל טאָן מיט זיי גענאָד.

מיט אַ גוטן יאָר זיי בענטשן:
פרות זיסע פאַר די מענטשן.

שטיל געבויגן שטייען זיי,
אינדרויסן פאַלט אַ ווייכער שניי.

(23)

ראש השנה לאילנות

די גאָרטן און וואַלד בוימער זיינען היינט פריער אויפגעשטאַנען. אַט שטייען זיי איינגעוויקלט אין ווייסן און שפרייטן זייערע הענט מיט אַ תפילה צו די הימלען... זיי ציטערן פון גרויס מורא: דער טאָג פון דין איז געקומען!

צוויץ־צוויץ־צוויץ! — האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ לייכטער פישטשען — אַ קליין פייגעלע איז געקומען אין גאָרטן מיט אַ גוטער בשורה:

פון אַ וויטן לאַנד קום איך, אַ סך פייגלען האָב איך געזען, אַן אָנזאָג פון פרילינג האָב איך געהערט — אַ נייער פרילינג קומט און ער פאַרשפּרייט רויזן און פרישע בלעטער; איצט איז ער אין ארץ ישראל, אָבער באַלד וועט ער דאָ אויך קומען, און וועט ברענגען אייך ליכט און וואַרעמקייט, און פרישע בלעטער און שיינע קנאָספּען — צוויץ־צוויץ־צוויץ!

האָבן זיך די ביימער דערפרייט מיט דער פייגעלע'ס בשורה און געוואַרט מיט האָפנונג אויפ'ן קומען פון נייעם פרילינג.

——0——

(24)

זײַ ווייסן...

אַ פריילאַכער איז דער לערער אין קלאַס־צימער אַריין און אויסגערופן:

— זאָגט נאָר חברה: ווען עסט מען המן־טאַשן?
פורים! האָבן די קינדער אין איין קול געענטפערט.

— און ווען לייענט מען די מגילה?
פורים! האָבן די קינדער, ווי אַ כאָר, אויסגעזונגען.

— און ווען קלאַפּט מען המנ'ען?

פורים! האָבן די קינדער אויסגעשריגן.

— און ווען שיקט מען שלח־מנות?

— פורים! פורים! פורים! האָבן די קינדער גע־ענטפערט.

זייער גוט, וויסערס מיינע, האָט דער לערער אַ צו־פרידענער געזאָגט. איר אַלע, קינדער מיינע, פאַרדינט שלח־מנות.



זיי קלאַפּן המנ'ען

—0—

(25)

די פורים געשיכטע

אין דעם לאַנד פרס איז געווען אַ קעניג.
דער קעניג האָט געהייסן אחשורוש.
אחשורוש איז געווען אַ נאַרישער קעניג.
וואָס זיינע מיניסטאָרן האָבן אים געהייסן — האָט ער געטאָן.

דער העכסטער פון זיינע מיניסטאָרן איז געווען המן.

המן איז געווען זייער אַ שלעכטער מענטש.

ער האָט זייער פיינט געהאַט די אידן.

איז המן אַוועק צום קעניג און געראַטן אים ער זאָל פאַרטיליקן אַלע אידן פון זיין לאַנד.

אחשורוש, דער נאַרישער קעניג, האָט געפאָלגט המנ׳ען.

ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל פאַר־טיליקן אַלע אידן פון זיין לאַנד — אַלטע און יונגע, פרויען און מענער.

המן האָט באַשטימט דעם טאָג, ווען די אידן זאָלן פאַרטיליקט ווערן.

דער באַשטימטער טאָג איז געווען —

דער דרייצנטער טאָג אין חודש אדר.

ב

ווען דעם קעניג׳ס באַפעל איז באַקאַנט געוואָרן,

האָבן זיך אַלע אידן פון פרס זייער דערשראָקן.

זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט, געפאַסט און גאָט געבעטן.

און גאָט האָט זיי טאַקע געהאָלפן.

אסתר, די קעניגין, איז אַ אידיש־קינד געווען.

אסתר האָט זייער ליב געהאַט איר פאָלק, דאָס אידישע פאָלק.

איז אסתר אַוועק צום קעניג און געבעטן אים, ער זאָל ראַטעווען איר פאָלק, די אידן; ער זאָל ניט לאָזן דעם שלעכטן המנ׳ען טאָן וואָס ער וויל.

אחשורוש, דער קעניג, האָט זייער ליב געהאַט זיין קעניגין אסתר, און ער האָט זיך צוגעהערט צו איר געבעט.

ער האָט געהייסן אויפהענגען המנ׳ען, און מרדכי׳ן, אסתר׳ס אַ קרוב, האָט ער באַשטימט פאַר׳ן העכסטן מיניסטער.

און אַ באַפעל האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן, אַז קיינער זאָל ניט וואַגן אָנצורירן אַ אידן.

אַזוי איז דער טאָג פון טרויער געוואָרן אַ טאָג פון פרייד.

און דעם דרייצנטן טאָג אין חודש אדר פייערן מיר דעם פריילאַכן יום־טוב — פורים.

---

(26)

פורים

מאַמע זאָגט — צוליב המן גאָר
מיר האָבן פורים יעדן יאָר;
און וואָלט המן ניט געווען —
וואָלט נס־פורים ניט געשען.

ס׳איז דאָך דאָ אַזויפיל המנ׳ס
אויף דער וועלט, אָ מאַמע, זאָג:
זאָג, פאַרוואָס איז פורים איינער,
און פאַרוואָס ניט יעדן טאָג?

(27)

די פורים שפּילער

— געקומען די פּורים־שפּילער! געקומען די פּורים־שפּילער! דערהערט „פּורים־שפּילער״, שפּרינגען מיר, קליינוואַרג, אַלע אין איין רגע אַרויס פונ׳ם טיש און מיר שטייען שוין אַלע אַרום דעם קעניג אחשורוש מיט דער גילדענער קרוין.

אַז ס׳איז געקומען דער גוטער, דער ליבער טאָג פּורים, האָב איך פון גאַנץ פרי אָן שוין אַרויסגעקוקט אויף דער חברה, וואָס גייען פון שטוב צו שטוב, און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע אינגלאַך לויפן זיי נאָך. אוי, פלעג איך זיי מקנא זיין, די דאָזיקע שפּילער, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן בגדי מלכות און האָבן געזונגען אַזוי שיין, אַז ס׳איז צוגאַנגען אין יעדען אבר.

— גוט יום־טוב! — שיסן אויס די חברה אַלע מיט־אַמאָל גאַנץ פריילאַך און מען שטעלט זיך אויס אין צוויי טיילן.

אויף אַ גילדענעם שטול זיצט דער קעניג אחשורוש (קאָפּל דער שניידער), און עס טרעט אַרויס אויף איין פוס ממוכן (חיים שמייסער), זינגט אַ לידל.

די שפּיל הויבט זיך אָן.

———o———

דער פרילינג קומט

פרילינג

(28)

ערשטער פרילינג־טאָג

די זון איז אין דרויסן!
די זון איז אין דרויסן!
דער שניי ליגט שוין שיטער און בלאַס.
עס פּאַקט זיך דער ווינטער
אין וועג אין זיין ווייטן —
די וואַסערלאַך זינגען אין גאַס.

פּאָר־פּאָר, ליבער ווינטער!
גענוג דיר געזעסן,
גענוג דיר געשאָטן מיט שניי.
עס וואַרט שוין דער פרילינג
מיט זיידענע לאָקן
און גאָלדענע שטראַלן אויף זיי.

ער שטייט און ער שמייכלט
פון הימל, פון בלויען,
און שעפּטשעט דורך שטראַלן: „איך גיי...“
אין וועג אַריין, ווינטער,
קלייב אויף דיינע קליידער,
פאַרפּאַק שוין דיין לעצט ביסל שניי...

(29)

דער פרילינג גייט

דער ווינטער איז אַוועק. דאָס אייז איז צוגאַנגען. דער שניי האָט צעלאָזט. די ערד האָט זיך אויפגעדעקט, אויסגעווייכט און אויפגעפרישט, גרייט אַרויסצושפּראָצן אַ גרין גרעזל. די נאַקעטע בוימלאַך האָבן זיך אויסגע־גלייכט; ווי פון שלאָף נאָר־וואָס אויפגעוואַכט; אויף זייערע פייכטע ריטלאַך וועלן זיך אָט־אָט בעוויזן יונגע

קניפּעלאַך; די קניפּעלאַך וועלן זיך אויפקניפּן, אויפ־
פּיקן און צולאָזן זיך אין גרינינקע בלעטעלאַך — דער
פרילינג גייט! דער פרילינג קומט!

שיין און וואַרעם איז אין דרויסן;
אין די גערטנער שטייען בוימער,
אויסגעפּוצט אין ווייסע צוויטן,
אָנגעפילט מיט נייע כוחות,
און די זאַפטיק־פולע צווייגלאַך
ציען צו די בלאָע הימלען.
און די זון, זי גיסט אַרונטער
ליבע שטראַלן אויף די פעלדער,
אויף די בערג און גרינע טאָלן
אויף די שיינע, אויף די יונגע
בלומען קנאָספּען;
און אַ לינדער פרילינג־ווינטל,
ווייך און לאַשצענד ווי אַ סאַמעט,
האַלזט און קושט די יונגע גרעזלאַך.

(30)

דער פרילינג איז געקומען

נאַקעט די פעלדער, נאַקעט די גערטנער.
נישט קיין בלום, נישט קיין גראָז.
נישט קיין טרעלן און נישט קיין געזאַנג.
אַ לייכט און וואַרעם ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן.
בלאָזט און שוועבט איבער בערג און טאָלן,
איבער פעלדער און גערטנער און שעפּטשעט:
— וועקט זיך אויף בלומען, כאַפּט זיך אויף גראָזן, פרילינג קומט!

האָבען זיך די בלומען און צאַרטע גראָזן אויפגע־כאַפּט און פון דער ערד זייערע קעפּלאַך אַרויסגעשטעקט. און די קלאָרע זון האָט אַ שיין געטאָן. שיינט און לאַכט צו די בלומען און די גראָזן. און זיי שמייכלען צו איר.

און אין דער לופטן האָבן זיך שיינע געזאַנגען גע־טראָגן, פייגעלשע געזאַנגען. אַ בשורה טראָגן זיי:

פרילינג קומט! פרילינג קומט!

———o———

(31)

געווען אַמאָל אַ אינגל...

געווען אַמאָל אַ אינגל. לייכט אויף זיינע פיס איז ער געווען. אַ סך אינגלאַך האָבן געפּרואווט אים כאַפּן, ווען ער איז געלאָפן, און — ניט געקאָנט. פיל מאָל האָט

געטראָפֿן, אַז אַ פֿערד איז זייער שנעל אין גאַס געלאָפֿן, און דער אינגל איז בשלום, שנעלער די גאַס אַריבער.

האָבן אַלע געוואוסט, אַז דער אינגל האָט פֿאַר קיין שום זאַך ניט מורא, אַז זיינע פֿיסלאַך וועלן אים ראַטעווען פֿון יעדער צרה.

און איין מאָל... אַ גרויסער און שווערער אויטאָ־מאָביל איז אַריבער די גאַס. האָט דער אינגל צו זיינע חברים געזאָגט: „זעט, איך וועל דעם אויטאָמאָביל איבעריאָגן".

און ער האָט טאַקע איבערגעיאָגט, אָבער — ס'איז געווען אַמאָל אַ אינגל און איז מער ניטאָ...

---

(32)

פֿרילינג

קומט פֿרילינג — קומט פֿרייד אויף דער וועלט.
פֿון פֿרימאָרגן ביז'ן אָוונט שיינט די זון.
דער ווייסער שניי שוואַרצט און צוגייט.
פֿריילאַכע טייכלאַך רוישן אין די גאַסן.
קינדער לאָזן לויפֿן, לייכטע שיפֿעלאַך, אויפֿ'ן וואַסער און יאָגן זיך נאָך זיי.

פֿרידן צו אייך, פֿריילאַכע טייכלאַך, אייליקע ריטשקעס!
פֿרידן צו אייך, אָנזאָגערס פֿון פֿרילינג.

(33)

ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע.

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע —
בינעלאַך און בלומען.
נעענטער, אינגעלע, צו מיר —
דער פריליננ איז געקומען.

ווידער אין דעם וועלדעלע
יאָגן זיך און פלאַפּלען;
ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע —
ס'וועלן הערצלאַך צאַפּלען!

(34)

געווען אַמאָל אַ אינגל

געווען אַמאָל אַ אינגל. אַ טאַנצער און אַ שפּרינגער איז ער געווען. ווען ער פלעגט טאַנצן — פלעגן אַלע אויגן קוקן אויף אים מיט גרויס וואונדער, ווען ער פלעגט שפּרינגען — איז ער געווען ווי אַ פליענדער פויגל. אַ שטריק געצויגן אַריבער זיין קאָפּ, פלעגט ער אַריבער־שפּרינגען מיט איין שפּרונג. האָבן אים אַלע גערופן „דער שפּרינגער".

און איין מאָל... האָבן די קינדער אַ גרויסן פייער אין גאַס געמאַכט. זיינען די אינגלאַך אַרום דעם פייער געשטאַנען און געווילדעוועט.

האָט דער אינגל, דער שפּרינגער, געזאָגט:
„זעט, איך וועל דעם פייער אַריבערשפּרינגען".
ער איז געשפּרונגען, אָבער —
ס'איז געווען אַמאָל אַ אינגל און איז מער ניטאָ...

———o———

(35)

אין פעלד

איך בין מיר איינער אַליין, אַ פריי פייגעלע, אין דער גרויסער ברייטער וועלט; איבער מיר איז די גאַנצע גרויסע בלאָע יאַרמעלקע, וואָס מע רופט זי „הימל"; מיר איינעם אַליין לייכט די שיינע ליכטיקע טאָג־מלכה,

וואָס מע רופט זי „זון;“ פון מיינעטוועגן אַליין האָבן זיך עס צונויפגעקליבן דאָ, אין פרייען פעלד, די אַלע זינגערס, מיט אַלע פייפערס, מיט אַלע שפּרינגערס. און נאָר צו־ליב מיר אַליין האָט זיך צעגומען די שמעקעגדיקע רויז, צעשפּרייט דער לאַנגער, דער געלער „סאָנישניק“, צע־צוויקלט און צעשפּרענקלט דאָס גאַנצע ברייטע פעלד מיט אַלע אַנטיקלאַך פון דער מילדער נאַטור. קיינער קוועטשט מיך נישט, קיינער שטערט מיך נישט, קיינער זעט מיך נישט, אַחוץ גאָט, און איך קאָן מיר טאָן וואָס איך וויל...



רחל׳ע באַוואַסערט אירע בלומען

(36)

קינדער־טאַנץ

נעמט זיך, קינדערלאַך, אַרומעט
אין אַ גרויסן, גרויסן ראָד;
וועלן מיר אַ טענצל טאַנצן
אָטאָ־דאָ, אין מיטן שטאָט.

אַלע קינדער מעגן קומען
אַלע נעמען מיר אַריין, —
וועלן מיר צוזאַמען טאַנצן
און צוזאַמען פריילאַך זיין.

אַלע קינדער מעגן קומען:
שוואַרצע, ווייסע, געלע, רויטע;
אַלע קינדער — זיינען קינדער —
ווער סע גלויבט ניט, איז אַ — שוטה

(37)

די אידן קומען אין מצרים

יעקב אבינו און זיין פאַמיליע האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל.

יעקב האָט געהאַט צוועלף זין.

יוסף, יעקב׳ס זון, איז געווען אין מצרים.

ער איז דאָרטן געווען דער וויצע־קעניג.

יוסף האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד מצרים פון הונגער.

אין דער גאַנצער וועלט איז דאַן געווען אַ הונגער.

אין מצרים אָבער, איז געווען גענוג שפייז.

אין די זיבן גוטע יאָרן האָט יוסף אָנגעגרייט גענוג שפייז.

פון אַלע לענדער איז מען געקומען אין מצרים קויפן שפייז.

ארץ ישראל האָט אויך געליטן פון הונגער.

האָט יעקב אבינו אויסגעוואַנדערט פון ארץ ישראל.

ער מיט זיין פאַמיליע זיינען געגאַנגען אין דעם לאַנד מצרים.

מיט זיבעציק מענטשן איז יעקב געקומען אין מצרים.

און זיי האָבן זיך באַזעצט דאָרטן.

יוסף האָט געשפּייזט זיין פאַמיליע, די אידישע פאַ־מיליע, אין די אַלע הונגער יאָרן.

—0—

(38)

די אידן ווערן שקלאַפן

זיבעצן יאָר האָט יעקב געלעבט אין מצרים און איז געשטאָרבן.

שפּעטער איז אויך יוסף און דער גאַנצער דור אויס־געשטאָרבן.

דער נייער קעניג פון מצרים איז געווען אַ שלעכטער. ער האָט פיינט געהאַט די אידן.

ער האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי די אידישע פאַמיליע ווערט שטאַרקער און גרעסער אין צאָל.

און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרשקלאַפן די אידן.

האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל:

— די אידן זיינען מער ניט פריי. זיי זיינען שקלאַפן.

— זיי מוזן אַרבעטן ביי ליים און ציגל, און בויען שטאַרקע שטעט.

אַזוי זיינען די פרייע אידן געוואָרן קנעכט.

פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן די אידן געמוזט אַרבעטן — קנעטן ליים, מאַכן ציגל און בויען שטעט.

און דער שלעכטער קעניג איז נאָך אַלץ צופרידן ניט געווען.

האָט ער געהייסן אידישע קינדער אין ניל דער־טרינקען.

(39)

משה באפרייט די אידן פון מצרים

אַ סך, אַ סך יאָרן זיינען די אידן געווען קנעכט אין מצרים.

שווער און ביטער האָבן זיי געאַרבעט.

זייערע קינדער האָט מען אין ניל דערטרונקען.

האָט גאָט רחמנות געהאַט אויף די אידן.

ער האָט געשיקט משה'ן ער זאָל זיי באַפרייען, ער זאָל זיי אַרויסנעמען פון מצרים.



משה

איז משה געקומען מיט גאָט׳ס באַפֿעל צום קעניג.

דער קעניג האָט אָבער ניט געוואָלט פֿאָלגן גאָט׳ס באַפֿעל.

ער האָט ניט געוואָלט באַפרייען די אידן.

האָט גאָט געשלאָגן דאָס לאַנד מצרים מיט צען מכות.

נאָך דער צענטער מכה האָט זיך פרעה אונטער־געגעבן:

ער האָט באַפרייט די אידן.

דעם פופצענטן טאָג אין חודש ניסן זיינען די אידן אַרויס פון מצרים.

דעריבער פייערן מיר, אין אָט דעם טאָג, דעם יום־טוב — פסח.

(40)

מה נשתנה

מה נשתנה, מה נשתנה...
פרעגט זשע, קינדער, פרעגט דעם טאַטן,
זאָל ער אייך אַן ענטפער געבן —
ס'וועט אייך, קינדער, גאָרניט שאַטן...

קינדער דאַרפן זיכער וויסן,
וואָס עס האָט אַמאָל געטראָפן,
ווען מצרים איז די אידן
ביי דעם ים־סוף נאָכגעלאָפן...

קינדער דאַרפן אויכעט וויסן —
אין די אַלע גלות־עקן —
אַז געשפּאָלטן האָט דעם ים־סוף
משה — מיט זיין וואונדער שטעקן...

פון דעם ים־סוף, אין דעם מדבר,
האָבן מיר געוואַנדערט יאָרן,
פון דעם פעלז געטרונקען וואַסער
און געגעסן מן — דעם קלאָרן...

און מיט מוט, און שטאַרקן גלויבן,
און מיט אייגענעם בטחון
זיינען מיר צום לאַנד געגאַנגען,
אונדזער לאַנד — פון גאָט פאַרשפּראָכן...

און געקעמפט ווי אַלע ריזן,
און געקעמפט דורך פילע יאָרן;
אָט אַזוי, איר קינדער קליינע,
זיינען מיר אַ פאָלק געוואָרן...

און דעריבער, קינדער קלוגע,
אָט דער מרור און חרוסת,
אָט די מצה און דער כרפס,
און די רויטע אַרבע כוסות...

און די הגדה, און די קניידלאַך,
און דער גאַנצער פסח־סדר,
און די קשיות, וואָס דער רבי
האָט געלערנט אייך אין חדר...

מה נשתנה, מה נשתנה...
פרעגט זשע, קינדער, פרעגט דעם טאַטן,
זאָל ער אייך אַן ענטפער געבן —
ס׳וועט אייך, קינדער, גאָרניט שאַטן...



סדר

(41)

פסח ביי נאכט

ווען די סדר-נאַכט איז געקומען האָט דער קליינער ישראל געזאָגט: „כ'וועל ניט גיין שלאָפן ביז האַלבער נאַכט, כ'וועל וואַרטן אויף אליהו הנביא". אַלע שטוב-מענטשן האָבן געזאָגט די „הגדה". ישראל זיצט לעבן זיין פאָטער און טראַכט:

„באַלד וועלן זיי שוין טרינקען דעם צווייטן כוס, נאָכ-דעם וועלן זיי עסן און נאַכהער וועט שוין זיין האַלבע נאַכט. דאַן וועט מען עפענען די טיר און אליהו הנביא וועט קומען. ער איז אַן אַלטער מאַן, איינגעהילט אין אַ ווייסן טלית. ער וועט גלעטן זיין ווייסע באָרד, וועט צוגיין צום טיש, וועט נעמען דעם גרויסן כוס און וועט טרינקען פון אים. ווען אליהו וועט צום טיש צוקומען, וועט ישראל צוגיין צו אים, די האַנט אים געבן און זאָגן: שלום עליכם, אליהו הנביא! גיי און בעט דעם מלך המשיח, אַז ער זאָל ברענגען אַלע אידן אין ארץ ישראל!"

אַזוי איז געזעסן דער קליינער ישראל און געטראַכט ביז ער האָט אָנגעפאַנגען דרימלען. און אליהו הנביא האָט ער ניט געזען.

——0——

(42)

פרילינג

דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט:
„שטייט־אויף, קינדער, ליכטיק
און פריש איז די לופט!“

עס בליען די ביימער,
עס שפּראָצן די בלומען,
צו אונדז איז דער פרילינג,
דער פרילינג געקומען.

די פייגעלאַך זינגען
אין וואַלד און אין טאָל,
עס הערן זיך לידער
אַרום און אַ צאָל.

די פישעלאַך שווימען
אַרויף אויף די וועלן —
זיי טאַנצן אין וואַסער,
זיי שפּרינגען און קוועלן.

עס שפּראָצן די בלומען,
און פריש איז די לופט,
דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט:

——0——

(43)

ווען דו וועסט וועלן...

אַ אינגל בין איך געווען, און געזעסן ביים טאַטנ׳ס סדר־טיש.

ס׳איז געווען אין דער ערשטער סדר־נאַכט.

ווען מען האָט אָנגעגאָסן דעם פערטן כוס בין איך געגאַנגען, אויפ׳ן טאַטנ׳ס באַפעל, עפענען די טיר פאַר אליהו׳ן.

איך האָב געעפנט — און אָט שטייט אליהו פאַר מיר.

איך האָב אים „שלום" געגעבן, ער האָט מיר „שלום" געגעבן.

כ׳האָב געזאָגט צו אים:
— ווען וועט קומען משיח?
האָט ער מיר געזאָגט:
— ווען דו וועסט וועלן...
האָב איך צו אים געזאָגט:
— איך וויל דאָך...

איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיקן מיינע ווער־טער און אליהו איז שוין ניט געווען...

ער איז אַוועקגעפלויגן דער געטלאַכער מאַן.

—o—

(44)

ניו יאָרק שטייט אויף

גאַנץ פרי.

דער גרויסער ריז ניו־יאָרק האָט זיך דורכגעוואָרפן אין שלאָף און האָט געמיינט, אַז עס איז נאָך צו פרי, און געוואָלט צוריק איינשלאָפן. האָט זיך אָבער באַלד דערהערט אַ פייפן, אַ ברומען, ווי עס וואָלטן אויף די דעכער, אויף די טורעמס ווילד־צורייצטע לייבן אָנגע־לאָפן, — האָט דער ריז אַ בריטן געגעבן און זיך אויפגעכאַפּט.

אין מזרח־זייט האָט זיך דער מאָרגן אין רויטן גע־צונדן, און אַ יונגער, אַ צופרידענער האָט דער מאָרגן גע־נומען פראַלן אַרויף איבער ניו־יאָרק.

די גאַסן זיינען נאָך געווען אין האַלב־פערשלאָפענע שאָטענס פערזונקען. נאָר די טויזענטער דעכער און די אויבערשטע עטאַזשן, וואָס אונטער די דעכער פון די ריזיגע הויכע געביידעס, האָבן שוין מיט ליכט געשיינט און זייערע הונדערטע פענצטער האָבן זיך שוין מיט זון־פלאַם געשפיגלט.

פון די הויכע קוימענס האָבן זיך גענומען שפּאַרן דיקע, שוואַרצע זיילן רויך, און אַ לייכט ווינטל האָט זיי גענומען בויגן און ציען איבער די לאַנגע הימל־לאַנקעס, וואָס שפּרייטן זיך איבער די הויכע, לאַנגע גאַסן.



ל״ג בעומר

(45)

ל״ג בעומר

— אַנו, קומט נאָר אַהער, קינדער, איך באַדאַרף אייך עפּעס זאָגן אַ נייס!

— אַזוי רופט זיך אָן צו אונדז אַ טאָג פאַר ל״ג בעומר דער רבי רב יודל און מיר שטעלן אויס מויל און אויערן, וואָס וועט אונדז עפּעס דער רבי זאָגן פאַר אַ „נייס?“

— וואָס פאַר אַ טאָג האָבן מיר מאָרגן? — פרעגט דער רבי מיט אַ ניגון. — ל״ג־בעומר! — שרייען מיר אויס אַלע אין איין קול, ווי די ציגעלאַך, אַז זיי שרייען „מעעע“!...

— וואָס טוען חדר־אינגלאַך ל״ג בעומר?

— חדר־אינגלאַך ל״ג בעומר לייגן זיך צונויף אַלע אינאיינעם און מאַכן אַ סעודה.

— וואָס טוט מען ל״ג בעומר?

— מען נעמט די „פיילנבויגנס“ מיט די ראָדביקסלאַך און מען גייט געוואָפנט מיט כלי־זין און מיט געזאַנג ווייט ווייט אונטערן שטאָט אַרויס.

— אָט אַזוי — רופט זיך אָן דער רבי — אָט אַזוי האָב איך אייך ליב, אָט אַזוי זייט איר וואוילע אינגלאַך; און דערפאַר לאָז איך אייך אָפּ פריי כמעט אויף אַנדער־האַלבן מעת־לעת.

— דערהערט דאָס וואָרט „פריי“ און נאָך אויף אַנדער־האַלבן מעת־לעת, טוען מיר אַ שטיי אויף אַלע פון די ערטער און לאָזן זיך לויפן אַהיים.

(46)

עקיבא

עקיבא איז געווען אַן אָרים אינגל.

ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען — האָט ער שוין געאַרבעט.

ער איז געווען אַ פּאַסטוך.

טאָג און נאַכט האָט ער געהיט זיין האַר'ס סטאַדע.

ער האָט דעריבער קיין צייט ניט געהאַט צום לערנען.

איז ער געוואַקסן אַן עם־הארץ — ער האָט ניט גע־קאָנט לעזן און שרייבן.

עקיבא איז אָבער געווען אַ גוטער און אָרענטליכער מענטש.

האָט זיך אין אים פאַרליבט זיין האַר'ס טאָכטער, רחל.

און זיי האָבן חתונה געהאַט.

רחל'ס פאָטער, דער רייכער האַר, האָט זיי פון זיין הויז פאַרטריבן. דאַן האָט רחל געבעטן איר מאַן, עקיבא'ן, ער זאָל זיך נעמען צום לערנען און ווערן אַ געלערנטער מאַן.

עקיבא איז שוין פערציק יאָר אַלט געווען.

ער האָט זיך אָבער נישט געשעמט!

ער איז אַוועק אין חדר און געלערנט מיט קליינע קינדערלאַך אין איין קלאַס. פון די חדרים איז ער אַוועק

אין די ישיבות. ער האָט געלערנט פלייסיק — ער האָט געלערנט טאָג און נאַכט. אַזוי האָט עקיבא געלערנט פיר־און־צוואַנציק יאָר.

און עקיבא דער אָרימער פּאַסטוך איז געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער פון זיין צייט — ר ב י ע ק י ב א.

—0—

(47)

מיר וועלן טאָן און מיר וועלן הערן

איז גאָט געקומען צו יעדעם פאָלק און געזאָגט:

— ווילט איר נעמען די תורה?

האָבן די פעלקער געזאָגט:

— וואָס שטייט אין דער תורה?

האָט גאָט זיי געזאָגט — עס שטייט דאָרטן:

„זאָלסט ליבן דיין חבר, ווי זיך אַליין“,

האָבן די פעלקער געענטפערט:

— מיר ווילן ניט דיין תורה.

איז גאָט געקומען צו די אידן און געזאָגט צו זיי:

— ווילט איר נעמען די תורה?

האָבן אַלע, ווי מיט איין מויל, אויסגעשריגן:

— אַלץ וואָס גאָט זאָגט וועלן מיר טאָן און מיר וועלן הערן.



באַרג סיני

(48)

תורה איז בעסער ווי רייכקייט...

אין אַ קליין שטעטל האָט געוואוינט אַ רב.

ער איז געווען זייער אָרים. ער האָט ניט געהאַט גענוג ברויט צום עסן און אַ ליכט זיין חדר צו באַלייכטן.

אין אַ פינצטערער נאַכט, איז דער רב אין זיין פינצ־טערן חדר געזעסן און גאָט געבעטן.

פלוצלונג האָט ער דערזען, ווי פון וואַנט שיינט אַ גרויס ליכט אָרויס. איז דער רב צום וואַנט צוגעגאַנגען און געזען אין שפּאַלט אַ טייערן דימענט, אַ גרויסן דימענט שיינען. דער רב האָט ניט געוואוסט פון וואַנען דער דימענט איז דאָ געקומען און ווען עס איז.

איז דער רב געשטאַנען, אויפ'ן דימענט געקוקט און געוואונדערט זיך. און אַזוי וואונדערינג זיך, איז דער רב איינגעשלאָפן און ער האָט געחלומ'ט: אַן אַלטער מאַן שטייט לעבן אים און זאָגט:

— „זאָג נאָר מיר, וואָס דו ווילסט? אויב דו ווילסט וועל איך דיר געבן דעם טייערן דימענט און דו וועסט ווערן רייך, און אויב דו ווילסט וועסטו האָבן געלערנטע קינדער, תלמידי־חכמים".

האָט דער רב אין חלום געענטפערט:

— איך וויל ניט קיין גאָלד און זילבער. איך וויל גע־לערנטע קינדער, ווייל תורה איז בעסער ווי רייכקייט.

דאַן האָט זיך דער רב פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט די אויגן געעפנט און געזען, אַז דער דימענט איז פון וואַנט פאַרשוואונדן.

דער רב האָט אָבער געהאַט זיבן זין, אַלע געלערנטע, אַלע חכמים.

—0—

(49)

גרינס פאַר שבועות

ערב שבועות בין איך געגאַנגען מיט מיין קליינער שוועסטער חנה'ן צו דער לאָנקע, געריסן דאָרטן גרינס און געקליבן בלומען אויסצוצירן אונדזער הויז לכבוד יום־טוב.

פּלוצלונג האָט מיין שוועסטער אַ געשריי געטאָן:

„אוי, פייער, פייער!"

און אירע פינגער האָט זי אין מויל אַריינגעכאַפּט, איז אויפגעשפּרונגען און געוויינט פון ווייטאָק.

איך בין צו איר צוגעגאַנגען און געזען דאָרטן אַ דאָרן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך אָן דאָרן פאַר־שטאָכן. איך האָב איר געבעטן זי זאָל נישט וויינען, אָבער זי האָט ניט געוואָלט אויפהערן.

האָב איך איר מיין קליין פייפל געגעבן — און זי איז גלייך שטיל געוואָרן.

ב

מיר זיינען געקומען אַהיים. האָט זיך מיין שוועסטער דערמאָנט, אַז דאָרטן, אין פעלד, האָט איר דער פינגער ווי געטאָן און — זי האָט ווידער וויינען אָנגעהויבן.

אויב דו בינסט קראַנק, חנה — האָט איר די מאַמע געזאָגט — גיי און לייג זיך אין דיין בעטעלע. און דו, יוסף מיין זון, — האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט — גיי אין קראָם און קויף „נאַשערייען" לכבוד יום־טוב.

ווען מיין שוועסטער האָט דערהערט „נאַשערייען", איז זי אויפגעשפּרונגען און געזאָגט: „מאַמאַ, איך בין נישט קראַנק! נישט קראַנק!"

זיינען מיר ביידע געגאַנגען אין קראָם און געקויפט נאַשערייען. און ווען די מאַמע האָט איר געגעבן אַ פּאָר צוקערקעס — האָט זי אינגאַנצן איר ווייטאָק פאַרגעסן.

נאָכדעם האָט זי מיר געהאָלפן אויספּוצן די שטוב מיט גרינסן און בלומען. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געדאַרפט אָנרירן אַ פלאַנץ, האָט זי מיר געפרעגט: „יוסף, איז דאָ נישטאָ קיין פייער ?..."



זומער אין דרויסן

זומער

(50)

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
ווערן פול די גאַסן
מיט אַזויפיל קינדער —
מיליאָנען און מיליאַסן!

הילכן אויף די גאַסן,
הילכן אָפּ געשרייען.
און קאַראַהאָדן קינדער
דרייען זיך און דרייען.

קומט דער ליבער זומער,
עפנען זיך טירן,
אויף די גאַסן קינדער
לאָזן זיך שפּאַצירן.

ווערן פול די גאַסן
מיט אַזויפיל ליכטער!
שפּיגלען זיך די שטראַלן
אין קינדערשע געזיכטער.

קומט דער ליבער זומער,
ווערן פול די גאַסן
מיט אַזויפיל פריידן,
מיט אַזויפיל שפּאַסן

ווערן פול די גאַסן
מיט אַזויפיל קלאַנגען!
אַזוי ווי אין דער לופטן
אַ קאַפּעליע וואָלט געהאַנגען.

—0—



ביים ים

(51)

שמערל נאַר גייט זיך באָדן

ס'איז געווען אַ וואַרימער זומער טאָג.

די זון האָט שטאַרק געוואַרימט און ס'איז געוואָרן היים.

איז שמערל נאַר אַוועק צום טייך זיך באָדן.

ער האָט זיך אויסגעטאָן, אין וואַסער אַריין און לאָזט זיך גיין... איז ער געגאַנגען ביז ער איז צו אַ טיפן אָרט געקומען. שמערל נאָר האָט שווימען נישט געקאָנט און גענומען זינקען. שרייט שמערל נאַר מיט די לעצטע כוחות:

— ראַטעוועט! ראַטעוועט! איך טרינק זיך!

די מענטשן פון ברעג־ים האָבן זיין הילפס־געשריי דערהערט, זיי זיינען אין וואַסער אַריין, געשווינט צו אים צוגעשוואומען, און אים אַרויסגעראַטעוועט.

האָט שמערל נאַר געזאָגט:

— פון היינט אָן, וועל איך זיך שוין מער ניט באָדן, ביז איך וועל זיך אויסלערנען גוט שווימען...

(52)

דער רעגן

גאָט מאַכט אַ רעגן
און גיסט אים באַלד אויס,
קוק איך פון פענצטער
אין דרויסן אַרויס

און טראַכט: פאַר וואָס גאָט
גיסט דעם רעגן אין גאַס,
און מאַכט אַלע מענטשן
און קינדערלאַך נאַס?



(53)

געווען אַמאָל אַ איינגל

געווען אַמאָל אַ איינגל... נאָך אַזאַ שווימער איז ניט געווען. אין די טיפסטע און געפערליכסטע ערטער פלעגט ער שווימען. אפילו ווען דאָס וואַסער פלעגט כוואַליעס שלאָגן — פלעגט ער שווימען.

אין טייך איז אַ גרויסער שטיין געווען — פלעגט ער אַ סך מאָל אויפ'ן שטיין אַרויפגיין און אין וואַסער אַריינ־שפּרינגען... האָבן אים אַלע גערופן — „פישעלע“.

און איין מאָל... זיינען די אינגלאַך אויף אַ בריק געשטאַנען. דער טאָג איז אַ וואַרימער געווען. דאָס וואַסער אונטן איז קלאָר און ריין געווען. האָט דער אינגל, דער שווימער, צו זיינע חברים געזאָגט:

— זעט, איך וועל זיך אויסטאָן און פון בריק אין טייך אַריינשפּרינגען.

דער אינגל האָט טאַקע געשפּרונגען, אָבער —

ס׳איז געווען אַמאָל אַ אינגל און איז מער ניטאָ...

—0—

רחל׳ע מיט אַ קערבל קאַרשן

(54)

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג,
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין;
גוטע קינדער נעמען מיר
שלעכטע לאָזן מיר גיין.

—o—

(55)

פּייגעלע

געווען אַמאָל אַ קליין מיידעלע, אירע האָר זיינען גאָלדענע געווען און אירע אויגן־בלאָ.

ווען זי איז געבאָרן געוואָרן האָבן אירע עלטערן ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ נאָמען איר צו געבן; איר פאָטער האָט געזאָגט: „זאָל איר נאָמען זיין „גאָלדע", צוליב אירע גאָלדענע האָר", און איר מאַמע האָט געזאָגט: "זאָל

איר נאָמען זיין „בלויקע“, צוליב אירע בלויע אויגן“.

און דאָס מיידעלע האָט זייער ליב געהאַט פייגעלאַך; ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען און אין וויגעלע געלעגן האָט זי ליב געהאַט צו קוקן אויף די פייגעלאַך, ווען זיי זיינען אין דער בלאָער לופט געפלויגן, און זיך איינהערן צו זייער פריילאַכן פּישטשען.

אירע אויגן זיינען ניט זאַט געוואָרן קוקנדיק, און אירע אויערן זיינען ניט מיד געוואָרן הערנדיק. און אַמאָל פלעגט זי אַליין פּישטשען מיט אַ ווייך אַנגענעמער שטימע ווי אַ פייגעלע.

„נאָר פליגעלאַך פעלט דיך, מיין מיידעלע!“ פלעגט די מאַמע זאָגן. „ווען מען וואָלט דיר פליגלען צום פליען געגעבן — וואָלסטו ווי אַלע פייגעלאַך געווען!“

און פון דאַן אָן האָט מען דאָס מיידעלע גערופן — „פ י י ג ע ל ע“.

אַ נעסט מיט פייגעלאַך



(56)

א פוילער

אוי, ווי גוט און זיס, אוי־אוי,
ליגן אייביק אָט־אַזוי.
און די אויגן צוגעמאַכט —
חלומ'ען פון פרי ביז נאַכט!

כ'האָב ערשט איצט געזען אין שלאָף
ווי אַ ציג, צי גאָר אַ שאָף,
שפּרינגט אויפ'ן טיש און אויפ'ן שראַנק —
נאָר דער זייגער — ס'טוט מיר באַנג —
האָט אַ קלונג געטאָן דערביי —
און מיין חלום איז פאַרביי.



(57)

אונדזער זומער

ס'איז זומער־לעב אויף גאָט'ס וועלט.
די זון שיינט און וואַרעמט.
די הימלען זיינען קלאָרע, און די קלענצטע כמאַרע־לאַך.
די פייגעלאַך שפּרינגען פון צווייגל אויף צווייגל.
זיי זינגען און זאָגן שירה צום באַשעפער פון ליכט.
די גערטנער און פעלדער זיינען פול מיט גאָט'ס ברכה.
די פירות און תבואות ווערן צייטיק און רייף.
די ערד־אַרבייטער גרייטן זיך צום שניד.
זיי וועלן שניידן די פרוכט פון זייער מי.

דערמאָנען זיי אונדז, די פעלדער און גערטנער, אָן די פעלדער פון בית־לחם און אָן די וויינ־גערטנער פון ציון.

מיר ווייסן אַז מיט ניינצן־הונדערט זומערס צוריק, האָט דער שונא אונדז פאַר אַ לאַנד־לאָז פאָלק געמאַכט.

פון אַן ערד־אַרבייטער פאָלק זיינען מיר אַ וואַנדער פאָלק געוואָרן.

און די פריידיקע זומער וואָכן זיינען פאַר אונדז וואָכן פון נאַציאָנאַלן טרויער.

—0—

(58)

הונגער אין ירושלים

לאַנג זיינען די בבלים געשטאַנען אַרום ירושלים.

די אידן האָבן העלדיש געקעמפט.

און ווען נישט דער מורא׳דיקער הונגער וואָלט דער שונא זיי נישט באַזיגט.

ס׳ווערט דערציילט:

— ס׳איז נישט געווען אַ ברעקל ברויט אין ירושלים. אַלע האָבן געהונגערט.

האָט אַ רייכע פרוי געזאָגט צו איר מאַן:

— נעם, מיין מאַן, אונדזער בעסטע צירונג, גיי אין מאַרק, אפשר וועסטו פאַר דעם אַ שטיקל ברויט קריגן.

האָט דער מאַן דעם טייערסטן פערל גענומען און איז אין די מערק אַוועק.

ער האָט אָבער קיין ברויט נישט געקראָגן.

איז ער געגאַנגען און געזוכט ביז ער האָט פון הונגער גע'חלש'ט און איז געשטאָרבן.

די פרוי האָט געזען, אַז איר מאַן זאַמט זיך, האָט זי צו איר הונגעריקן זון געזאָגט:

— שטאַרק זיך, מיין קינד, גיי און געפין דיין טאַטן.

איז דער הונגעריקער זון דעם טאַטן געגאַנגען זוכן און געפונען אים אַ טויטן.

האָט ער שרייען גענומען, און איז אויך פון הונגער אויסגעגאַנגען, לעבן זיין פאָטער.

—0—

(59)

ביי די טייכן פון בבל

די לויים זיינען געווען די שפּילערס און זינגערס אין בית־המקדש.

זיי האָבן געשפּילט און געזונגען אין אידישן טעמפּל.

ווען דער קעניג פון בבל האָט חרוב געמאַכט ארץ ישראל, האָט ער אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון דאָרטן.

ער האָט זיי געפירט געפאַנגענע קיין בבל.

צווישן די געפאַנגענע זיינען אויך געווען די לויים, די אידישע שפּילער.

ווען די אידישע געפאַנגענע זיינען געקומען ביי די טייכן פון בבל, האָט מען זיי געלאָזט זיך זעצן אָפּרוהען.

און דער קעניג האָט די לויים גערופן און געהייסן זיך פריילאַך מאַכן. ער האָט זיי געהייסן שפּילן די אידישע לידער, וואָס זיי פלעגן שפּילן אין טעמפּל. די לויים האָבן אָבער נישט געוואָלט שפּילן די אידישע לידער אויף פרעמדער ערד.

וואָס האָבן זיי געטאָן?

זיי האָבן געשווינט, ווען קיינער האָט נישט באַמערקט, זייערע פינגער אין די מיילער אַריינגענומען, און מיט די ציינער זיי שטאַרק צוביסן, צוביסן ביז בלוט.

און זיי האָבן דעם קעניג זייערע צובראָכענע פינגער געוויזן און געזאָגט:

— זע, מיר קאָנען נישט שפּילן, אונדזערע פינגער זיינען פון די שווערע קייטן צובראָכן.

און זיי האָבן פאַר׳ן שונא נישט געשפּילט!

——0——

(60)

איכה

ס׳נעמט מיר דורך דער אַלטער טרויער
אין דעם ניינטן אב ביי נאַכט —
אויף דער ערד, דעם קאָפּ געבויגן,
זיץ איך אבל׳דיק, פאַרשמאַכט.

און די שול איז פול מיט שאָטן,
פול מיט מתים, ווייסע בלייכע ———
ירמיהו שטייט פאַר די אויגן,
שפּרייט די הענט אויס, יאָמערט — איכה.

(61)

א מאמעס געוויין

פאַרוויסט איז געוואָרן ירושלים.

פאַרברענט האָט דער שונא דעם בית־המקדש.

טויזנטער, טויזנטער אידן זיינען גע'הרג'עט געוואָרן.

טויזנטער, טויזנטער אידן זיינען אין גלות געגאַנגען, געבונדענע אין קייטן.

גרויס און מורא'דיק איז דער חורבן געווען.

איז געקומען משה רבינו פאַר גאָט און געבעטן אים, ער זאָל אויף זיין פאָלק רחמנות האָבן און זיי העלפן.

האָט גאָט זיין תפילה הערן ניט געוואָלט.

איז געקומען אברהם און האָט גאָט געבעטן.

איז זיין געבעט אויך ניט געהערט געוואָרן.

זיינען געקומען יצחק און יעקב און האָבן רחמים פאַר די אידן געבעטן.

איז אויך זייער תפילה אומזיסט געווען.

צום סוף איז געקומען רחל, די אידישע מאַמע.

זי האָט זיך פאַר גאָט אַוועקגעשטעלט, ביטער גע־וויינט און געבעטן אים ער זאָל אויף אירע קינדער רחמנות האָבן.

און ווען גאָט האָט רחל'ס געוויין דערהערט, דאָס געוויין פון דער אידישער מאַמע, איז ער מיט רחמנות פול געוואָרן און געזאָגט:

— רחל, מיין טאָכטער, הער אויף צו וויינען, פאַרגים ניט קיין טרערן; איך שווער דיר, אַז איך וועל אויף דיינע קינדער רחמנות האָבן, איך וועל זיי פון גלות באַפרייען און זיי צוריק אין זייער לאַנד ברייננען, אין — ארץ ישראל.

—0—

(62)

רחל׳ס קבר

אויף די פעלדער פון בית־לחם,
וואו דער וועג אין אפרת גייט,
שוין פון יאָרן און פון דורות
אויפגעבויט אַ קבר שטייט.

און ווען אַלץ אַרום איז רואיק,
און עס קומט אָן האַלבע נאַכט,
קומט אַרויס אַ פרויענצימער
פון דעם קבר־גרוב פאַרטראַכט.

צו דעם טייך פון ירדן גייט זי,
קוקט זיך אויף די כוואַליעס איין,
און פון אירע שיינע אויגן
דאָרטן פאַלט אַ טרער אַריין.

שטיל פליסט איין טרער נאָך דער צווייטער
אָן אַ קרעכץ, אָן יאָמערשטים,
פאַלט אַראָפּ אין ירדן־וואַסער
און צומישט זיך שטיל מיט אים.

רחל'ס קבר

(63)

טרייסט

רבי גמליאל, רבי אליעזר, רבי יהושע און רבי עקיבא זיינען געגאַנגען אין וועג.

זיינען זיי צוגעקומען צום אָרט וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען.

און זיי האָבן געזען:

דער אָרט איז וויסט און פוקסן שפּרינגען דאָרטן אַרום.

האָבן זיי זיך צעוויינט, בלויז רבי עקיבא איז געשטאַנען און געפרייט זיך.

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

— וואָס איז די שמחה מיט דיר, עקיבא?

האָט ער זיי געפרעגט:

— און פאַרוואָס וויינט איר?

האָבן זיי אים געענטפערט:

— פאַרוואָס נישט וויינען? אָט זע, דער הייליקסטער אידישער אָרט איז אַזוי וויסט און פוקסן שפּרינגען דאָ אַרום.

האָט רבי עקיבא צו זיי געזאָגט:

דעריבער טאַקע פריי איך זיך:

— גאָט האָט געהאַלטן וואָרט און פאַרוויסט ירושלים, וועט ער אויך זיין וואָרט האַלטן און צוריק אויפבויען אונדזער לאַנד ארץ ישראל.

—0—

(64)

זיי ווילען בויען ארץ ישראל

דער לערער האָט מיט די קינדער וועגן ארץ ישראל גערעדט.

דער לערער האָט געזאָגט:

— דאָס אידישע לאַנד איז ארץ ישראל.

— פון אַלע לענדער פאָרן אידן נאָך ארץ ישראל.

— די אידן בויען דאָס אידישע לאַנד.

— זיי בויען הייזער, פאַבריקן און שאָסייען.

— זיי פלאַנצן דאָרטן בלומען, בוימער און וויינ-גערטנער.

— זיי זייען דאָרטן ווייץ און קאָרן.

— זיי בויען אַ אידישע היים.

די קינדער האָבן זיך גוט איינגעהערט און געענט־פערט:

— מיר ווילן אויך פאָרן אין ארץ ישראל און העלפן בויען אונדזער לאַנד.

—0—



זיי ווילן בויען ארץ ישראל

(65)

סוף־זומער אין וואַלד

שאַ, שטיל איז סליחות־צייט אין וואַלד. און די שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה־שחורה.

די בוימער שטייען פערטראַכט, פערזאָרגט, גאָר־נישט דער פנים, די געשטאַלט וואָס פריער. זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז אַ ברעכן מיט די הענט; זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצן, אַ קרעכצן פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין, נאָכדעם ווי אירע קינדער צופאָרן זיך אין אַלע זייטן.

דאָרט, וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גע׳רעש׳ט, געזונגען, געשפרונגען אין איטליכס ווינקעלע, איז אַצינד שטיל רואיק ווי אויף אַ בית־עולם. אַלצדינג דאָרט דער־מאָנט אין דעם צושיידן זיך מיט די ליבע, טיף אין האַרצן איינגעבאַקענע. נישטאָ דאָס פריערדיגע לעבעדיגקייט, דאָס פרישקייט און אויפגערוימקייט. אַלצדינג שטייט עפעס ווי ברוגז, זייער אומעטיג. דער הימל קוקט אויך נישט פריינדליך און איז עפעס שטאַרק אָנגעבלאָזן. וויסט איז דאָס נעסט — די פויגעלאַך זיינען זיך צופלויגן.

פערזאָרגט, פערטראַכט שטייט דער וואַלד, גלייך ווי ער פילט, אַז דאָס אויפהויבן זיך און אַוועקפליען פון זיינע שפיל־פויגעלאַך ווייזט נישט אויף קיין גוטס. ער

מעג זיך ריכטן, אַז באַלד־באַלד וועט זיך אָנרוקן אויף אים אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן. און ער איז אַצינד דעריבער פערּאומערט, שטאַרק בעטריבט.

—0—

(66)

ס׳וועט דער זומער באַלד אריבער...

ס׳וועט דער זומער באַלד אַריבער,
דער זומער, דער גוטער, דער שיינער;
און ס׳וועט זיך דער הימל פאַרכמאַרען,
דער הימל, דער בלאָער, דער ריינער...

און אַ ווינטל וועט זיך צעהוליען
און רייסן און שמייסן די ביימער —
און פאַריאָגען פון זייןביידל
דעם אַלטן — פון גאָרטן דעם שומר...

פייפן אין קוימענס, אין שוואַרצע
און רייסן די לאָדן, די טירן;
וואו איז קינד, דיין וואַרימער מלבוש,
דו זאָלסט אין קעלט נישט פרירן?...

און אַ רעגן וועט אויבעט גיסן,
און קלאַפּן אין שויבן, אין דעכער;
זאָג מיר, קינד מיינס, אָרימער —
האָסטו שיך אָן לעכער?...

(67)

דער רויטער עפּל

אַ קליין מיידעלע האָט געזען אַ רויטן און שיינעם עפּל הייִנגען אויף אַ צווייג פון אַ בוים.

איז איר דאָס עפּעלע זייער געפעלן געוואָרן.

האָט זי אים אָפּרייסן געוואָלט און ניט געקאָנט.

ס'איז געווען צו הויך פאַר איר.

האָט זי אַ שפּרונג געטאָן איין מאָל, און צוויי מאָל, און דריי מאָל, און האָט אַלץ דעם עפּל ניט געקאָנט דערגרייכן.

האָט דאָס מיידעלע צום עפּל געזאָגט:

— רויטער עפּעלע, שיינער עפּעלע, קום אַרונטער צו מיר. דאָס עפּעלע האָט איר ניט געהערט און איז ניט אַרונטער.

אויפ'ן זעלבן צווייג איז אַ קליין פייגעלע געשטאַנען.

האָט די מיידעלע צו דעם פייגעלע געזאָגט:

— פייגעלע, פייגעלע, איך וויל זייער דעם עפּל האָבן און קאָן אים ניט דערגרייכן, ער איז צו הויך פאַר מיר. זינג דעם עפּעלע אַ לידעלע און בעט אים ער זאָל אַרונטער צו מיר.

האָט די פייגעלע זינגען אָנגעפאַנגען און האָט דעם עפּעלע געבעטן ער זאָל צו דער מיידעלע אַרונטער.

דאָס עפּעלע האָט דעם פייגעלע ניט געהערט און — איז ניט אַרונטער.

ב

דאַן איז די זון פון אונטער די וואָלקנס אַרויס און האָט דער וועלט מיט אַ גרויס ליכט באַלויכטן.

האָט דאָס מיידעלע צו דער זון געזאָגט:

— זון, גאָלדענע זון, דאָס עפּעלע געפעלט מיר זייער און איך קאָן אים ניט דערגרייכן, ער איז צו הויך פאַר מיר. זיי אַזוי גוט, און שיק דיינע ליכטיקע שטראַלן אויפ׳ן עפּעלע און וואַרף אים אַרונטער צו מיר.

די זון האָט דער מיידעלעס געבעט דערפילט און האָט אירע ליכטיקע שטראַלן אויפ׳ן עפּעלע געשיקט, אָבער דאָס עפּעלע איז ניט אַרונטער.

איז אָבער אַ שטאַרקער ווינטל געקומען.

האָט דאָס מיידעלע צום ווינט געזאָגט:

— ווינט, ווינט, דאָס עפּעלע געפעלט מיר זייער און איך קאָן אים ניט דערגרייכן, ווייל ער איז צו הויך פאַר מיר. גיב אַ שאָקל דעם בוים און וואַרף מיר דעם עפּעלע אַרונטער.

האָט דער ווינט בלאָזן אָנגעפאַנגען און האָט דעם בוים מיט כח, הין און הער, אַ טרייסל געטאָן.

דאַן איז דאָס עפּעלע אויף דער ערד אַרונטערגעפאַלן.

איך דאַנק דיר, ווינט — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, — האָט דעם עפּעלע גענומען און איז אַ פריילאַכע אַהיים געגאַנגען.

(68)

שופר בלאָזן

ראש השנה אינדערפרי, איז אַ אינגל געקומען אין שול אַריין, האָט געדאַוונט אַ ווײַלע און זיין טאַטן געפרעגט:

— פאַרוואָס בלאָזט מען ניט שופר?

— וואַרט אַביסעלע — האָט דער טאַטע געענטפערט.

האָט דער אינגל געדאַוונט און אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער ווידער געפרעגט:

שופר בלאָזן

— פאַרוואָס בלאָזט מען ניט שופר?

— ווען וועט מען שוין שופר בלאָזן?

נאָכ׳ן לייענען אין דער תורה האָט דער פאָטער צום אינגל געזאָגט:

— יעצט, מיין קינד, וועט מען בלאָזן שופר.

דער אינגל איז געשווינט אַוועק, האָט זיך לעבן דער בימה אַוועקגעשטעלט, און האָט צום ערשטן מאָל גע־הערט שופר בלאָזן.

—0—

(69)

לשנה טובה

שוין דאָס אַלטע יאָר פאַרפלויגן
און אַ ניי־יאָר קומט צוגיין.
גאָט דו ליבער, זאָל דאָס לעבן
זיין דאָס יאָר אונדז — לייכט און שיין.

גאָט דו ליבער, שיינק אונדז ברכה,
שיינק אונדז זון און ליכט אַ סך,
און באַשיץ אונדז, ווען מיר שלאָפן,
היט אונדז, ווען מיר זיינען וואַך.

קליינע קינדער זאָלן לאַכן,
גרויסע זאָלן פריילאַך זיין!
שיינק אונדז פרייע הימלען בלויע,
גיב אונדז מערער זונען־שיין!

זאָל פאַרשווינדן וויי און אַנגסטן,
זאָל צערינען צער און פּיין!
קליינע קינדער זאָלן לאַכן,
גרויסע זאָלן פריילאַך זיין!...



יום כפור

(70)

נחום פאַסט

„מאָרגן וועל איך אויך פאַסטן“ —

אַזוי האָט זיך נחום באַרימט, ערב יום כפור, פאַר זיין שוועסטער. פאַרנאַכט איז ער געגאַנגען מיט זיין פאָטער אין שול און האָט זיך באַרימט פאַר זיינע חברים:

„איר ווייסט ? איך פאַסט !“

נאָכ׳ן דאַוונען איז נחום געגאַנגען אַהיים, איז אין בעט אַריין און געשלאָפן. ער האָט געפאַסט אַ גאַנצע נאַכט.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיט׳ן טאַטן אין שול. ער איז געזעסן דאָרטן אַ שעה און דער הונגער האָט אים גענומען דאָקוטשען. וואָס האָט ער געטאָן ? איז אַוועק אַהיים און געזאָגט צו זיין שוועס־טער : „גיב מיר פרישטיק !“

האָסט דאָך נעכטן געזאָגט, אַז דו וועסט פאַסטן היינט, האָט אים זיין שוועסטער דערמאָנט.

איך וועל עסן בלויז פרישטיק, און נאָכדעם וועל איך ווידער פאַסטן.

זיין שוועסטער האָט געלאַכט און האָט אים פרי־שטיק געגעבן.

נאָך פרישטיק איז נחום אַוועק אין שול און זיך פאַר זיינע חברים באַרימט:

„איך ווייסט, מיינע חברים? — איך פאַסט!“

—0—

(71)

דער באָבעס חזן

דאָס האָט געטראָפן יום כפור. אברהם, אַ אינגל פון צוועלף יאָר, איז געקומען מיט'ן טאַטן אין שול. ער איז געשטאַנען לעבן פאָטער און געדאַוונט. אינמיטן דאַוונען איז אַריינגעקומען זיין שוועסטער מלכה און אים געזאָגט:

— אברהם, די באָבע רופט דיך.

איז אברהם אין דער ווייבערשער־שול אַרויפגעגאַנגען און געזען אַז זיין באָבע זיצט זייער אומעטיק.

— וואָס איז דיר באָבע, — האָט אַברהם געפרעגט.

מיין קינד, האָט די אַלטע געענטפערט, אַ גרויס אומ־גליק האָט מיר געטראָפן: מיינע ברילן האָבן זיך צו־בראָכן. וואָס וועל איך איצט טאָן? אָן ברילן זע איך ניט און קאָן ניט לעזן אין מחזור. וואָס וועל איך טאָן אין אַזאַ הייליקן טאָג, אָן ברילן?

באָבע מיינע, — האָט דער אינגל געזאָגט — איך האָב אַן עצה: איך וועל לעזן פון מחזור, און דו וועסט הערן און נאָכזאָגן די תפילות.

זייער גוט, מיין קינד, האָט די אַלטע מיט פרייד געזאָגט. אברהם האָט געלעזן אין מחזור זייער גוט, אָן אַ גרייז, און די באָבע האָט זיך צוגעהערט און מיט פרייד נאָכגעזאָגט.

אַזוי איז אברהם געווען דער באָבעס חזן.

—0—

(72)

אמעריקע

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פעט און פרוכטבאַר
אוצרות טראָגט עס אין איר שויס;
ס'איז דאָס לאַנד דאָ פריש אין יוגנט,
ס'איז דאָס לאַנד דאָ רייך און גרויס.

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פול מיט אוצרות
אייזען, קופּער, גאָלד און שטאָל;
ס'פאַלן זילבער־וואַסערפאַלן
פון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

אַמעריקאַנער פאָן

יאונדזער לאַנד האָט טיפע טייכן,
קלאָרע טייכן פול מיט פיש;
אירע בערג דערגרייכן הימלען,
אירע טאָלן זיינען פריש.

ס'איז מיט זון דאָס לאַנד בעגאָסן —
אירע פעלדער זיינען גרין.
פלינקע, שטאַרקע — אירע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיק — אירע זין.

אין די פּריירים — בופל־אָקסן
און טאַבונעס ווילדע פערד,
און מיט ווייץ, מאַאיס און גערשטן
איז באַדעקט די גאַנצע ערד.

ס'גיט ווירדזשיניאַ איר טאַבעקע,
קאַליפאָרניאַ — איר וויין
און אין פלאָרידאַ מאַראַנצן
גליען רויט אין זונען־שיין.

אין די האַפנס דאַמפן שיפן —
ס'בליט איר האַנדל גרויס און ווייט.
און מיליאָנען מענטשן קומען,
שטראָמען דאָ פון יעדער זייט.

אירע שטעט זיי זיינען ריזן,
וואַקסן אויס מיט צויבער־מאַכט
אונטער דער ערד און אין דער לופטן
פליען באַנען טאָג און נאַכט.

אירע ריזיקע פאַבריקן
ווערן קיינמאָל גאָרניט מיד,
פון אַטלאַנטיק צום פּאַסיפיק
קלינגט איין גרויסעס ריזן־ליד.

—0—

(73)

די ווייס־בלאָע פאָן

קינדערלאַך, איר זאָלט געדיינקען,
וואָס איך זאָג אייך אָן:
איר וועט, קינדער, עלטער ווערן —
ירש'נט אונדזער פאָן.

אונדזער פאָן — אַ סוף צו ליידן,
אונדזער פאָן — אַ גאולה פרייד;
אונדזער פאָן — אַ גוטע בשורה —
ס'קומט אַ טאָג, ער גייט, ער גייט...

נעמט די פאָן און טראָגט זי העכער,
זאָלן אַלע זען,
ווי די טאַטעס — האָט ניט מורא,
וואָס עס וועט געשען...

איר וועט שנעל די פאָן דערטראָגען
ביז'ן העכסטן אָרט;
גלויבט מיר, קינדער, ס'איז אַן אמת,
ס'איז דעם נביא'ס וואָרט!

אידישע פאָן

(74)

אלף־בית

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלאַך —
דעם אלף־בית.

זעט זשע קינדערלאַך, געדיינקט זשע, טייערע,
וואָס איר לערנט דאָ.
זאָגט זשע נאָך אַמאָל, און טאַקע נאָך אַמאָל
קמץ אלף — אָ!

לערנט, קינדער, מיט גרוים חשק
אַזוי זאָג איך אייך אָן;
ווער ס'וועט גיכער פון אייך קאָנען עברי,
דער באַקומט אַ פאָן.

לערנט, קינדערלאַך, האָט קיין מורא:
יעדער אָנהויב איז שווער.
גליקלאַך דער, וואָס האָט געלערנט תורה,
צו דאַרף דער מענטש נאָך מער?

איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פאַרשטיין,
וויפיל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפיל געוויין...

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלאַך —
דעם אלף־בית.

—0—

אינהאַלט

	זייט
פאַרוואָרט	
א. אַ. ע.	3
ב. וו. ר.	4
ד. ג. ה.	5
ו. כ־ך. י.	6
ז. ט.	7
ל. מ־ם.	8
יי. יי.	9
נ־ן.	10
וי.	11
אי. או. איי. אוי. איי.	12
ס. ק.	13
ש. פּ. פ־ף.	15
צ־ץ.	17
י.	18
וואו. וואוי.	19
זש. טש.	21
ח. ש. ת.	22
זינג איך מיר דעם אלף־בית (ליד) י. קאַמינסקי (קינדער זשורנאַל)	24
נומערן (ליד) — ח. גרענט	28
אַ מאַמע — ל. טאָלסטאָי	29
די מאַמע (ליד) — ד. איינהאָרן	30
רחל׳ע די נייטאָרין	31
שוועבעלאָך (פאָלקס־מעשה)	32
רחל׳ע גייט אין שולע	32
ווילי דער ווילדער — (פאָלקס־מעשה)	34
שייקעלע־פּייקעלע (ליד) — א. אַלמי (קינדער דעקלאַמאַטאָר)	34
הערבסט	
הערבסט (ליד) — א. רייזין	37
דו שלאָגסט זיך גאָר! — (קינדער זשורנאַל)	38
אונדזער סוכה — יעקב פיכמאַן (לשון וספר)	39
אין סוכה (ליד) — א. רייזין	40
אתרוגים — (פאָלקס־מעשה)	41
הערבסט (ליד) — יצחק קאַצענעלסאָן (ק. ז.)	43
אַ גרוס — יהודה שטיינבערג	44
רחל׳ע וויל אַ שעפערין זיין	45
יעקב׳ס חלום (חומש יהואש)	46
יעקב׳ס חלום (ליד) — ח. גרענט	46
ווען איז חנוכה	47
דאָס דריידל (ליד) — צביה גרינגלאַז	48
חנוכה־געלט — יהודה שטיינבערג	49
דאָס דריידל (ליד) — משה גלאַזער (טאָג׳ס קינדער ווינקל)	50
אַ חנוכה ליכטעלע און דאָס לידעלע — לעאָן עלבע	51
ווינטער	
אויף די פעלדער (ליד) — ז. סעגאַלאָוויטש	54
שמערל נאַר און דער שניי מענטש (שפת־עמי)	54
דער פראָסט (ליד) מ. ארלין	55
למך גייט זיך גליטשן — לעאָן עלבע	56
אויפ׳ן גליטש (ליד) — מ. ארלין	57
חמשה עשר בשבט — (לויט י. שטיינבערג)	59
חמשה עשר בשבט (ליד) — צביה גרינגלאַז (לויטן העברייאיש)	60
ראש השנה לאילנות — יעקב פיכמאַן	60
זיי ווייסן	61
די פורים געשיכטע	62
פורים (ליד) — צ. גרינגלאַז	64
די פורים שפּילער — שלום עליכם	65
פרילינג	
ערשטער פרילינג טאָג (ליד) א. פיינגעלעם	67

זייט
דער פרילינג גייט — — —
שלום עליכם 68
שיין און ווארעם איז אין
דרויסן — יעקב אדלער — 69
דער פרילינג איז געקומען —
(אוים העברייאיש) 70
געוועז אמאל א אינגל — —
א. שוער (אביב) 70
פרילינג — יעקב פיכמאן — 71
ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע —
(ליד) — י. יאפע 72
געוועז אמאל א אינגל — —
א. שוער (אביב) 73
אין פעלד — שלום עליכם — 73
קינדער־טאנץ (ליד) — —
ח. גרענט 75
די אידן קומען אין מצרים — 76
די אידן ווערן שקלאפן — — 77
משה באפרייט די אידן פון
מצרים — — — — — — — 78
מה נשתנה (ליד) — — — —
ח. גרענט 80
פסח ביי נאכט —(ספרנו) — 82
פרילינג (ליד) — ש. פרוג — 83
ווען דו וועסט וועלן — —
א. שוער (עדן) 84
ניו יארק שטייט אויף — —
ד. איגנאטאוו 85
ל"ג בעומר — שלום עליכם — 87
עקיבא — — — — — 88
מיר וועלן טאן און מיר וועלן
הערן — — — — — — — 89
תורה איז בעסער ווי רייכקייט
(אגדה) 90
גרינס פאר שבועות — —
ש. בן־ציון 91

זומער

קומט דער ליבער זומער (ליד)
י. קאמינסקי
(קינדער זשורנאל) 94
שמערל נאר גייט זיך באדן —
(בן־עמי) 95

זייט
דער רעגן (ליד) — — — —
לאה ק. האפמאן 96
געוועז אמאל א אינגל — —
א. שוער (אביב) 97
קומט דער ליבער זומער — —
(פאלקס־ליד) 99
פייגעלע — לוין קיפנים —
(עתוננו) 100
א פוילער — ח. נ. ביאליק —
אידיש — מיקאעלא 101
אונדזער זומער — — — 102
הונגער אין ירושלים — —
(לויט לבנר'ס אגדות) 103
ביי די טייכן פון בבל — —
(לויט לבנר'ס אגדות) 104
איכה (ליד) — א. רייזין — 105
א מאמעס געוויין — — —
(לויט לבנר'ס אגדות) 106
רהל'ס קבר (ליד) — — —
יהואש 107
טרייסט — — — —
(אגדות ביאליק־ראבניצקי) 108
זיי ווילן בויען ארץ ישראל — 109
סוף זומער אין וואלד — —
מענדעלי מוכר ספרים 111
ס'וועט דער זומער באלד
אריבער (ליד) — ח. גרענט 112
דער רויטער עפל — — —
צ. שארפשטיין
(מעשיות לתנוקות) 113
שופר בלאזן — — — —
(לויטן שפת־עמי) 115
לשנה טובה (ליד) — — —
א. פייגעלעס 116
נחום פאסט (ספרי) — — 118
דער באבעס חזן — — —
ישראל מארקוס (שחרות) 119
אמעריקא (ליד) — — —
י. י. שווארץ 120
די ווייס־בלאע פאן (ליד) —
ח. גרענט 122
אלף־בית (ליד) — — —
מ. ווארשאווסקי 123